STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02062

FUN'M HEYDER'SHEN PINKES

Samuel Hurwitz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. הורוויץ (א. ליטווין).

№ 104

פון הדר'שען פנקס.

(כתבים פון א ליטווישען יונגעל).

פרייז 30 קאפ.

פערלאג „די וועלט"
ווילנא 1908.

ЗАПИСКИ ЕВРЕЙСКАГО МАЛЬЧИКА

С. Гурвича.

Donated to the

ADOLPH KIESLER
LIBRARY

of the Congregation Hebrew
Educational Alliance, Denver

by Dr. and Mrs. J. M. Morris

ש. הורוויץ — (א. ליטווין).

פונ'ם חדר'שען פנקס.

(כתבים פון א ליטווישען יונגעל).

איבערזעצונגס-רעכט דעם אויטאָר פאַרבעהאַלטען.

ווילנא — 1908.

מײַן מוטער'ס אַנדענקען

געווידמעט.

Записки еврейскаго мальчика.

Набрано въ типографіи Б. А. КЛЕЦКИНА, Завальная, 33.
Печатано въ типографіи ГАРБЕРА, Завальная, 25.

„אסתר תענית“.

ענדליך איז ער געקומען דער גליקליכער טאָג.

די זון האָט געשיינט, אָבער ניט מיט אַ גלייכגילטיגקייט און קאַלטקייט ווי פריהער. זי האָט געגאָסען פון אויבען ליעבליכע, וואַרעמע שטראַהלען, פון וועלכע דער שנעע האָט געשמאָלצען און געשטראָמט אין די רינעס מיט רוישענדע, ליאַרעמדיגע שטראָמען. די שטראָמען זענען געווען מוטנע. ביין סאַמע טייך, וואו זיי זענען אַריינגעפאַלען, איז דער גערויש געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט זיך געהערט פאַר אַ האַלבע גאַס.

רוטשאַיעס זענען אויך געשטאַנען אין מיטען די גאַסען; רוטשאַיעס האָבען זיך געגאָסען פון די דעכער. די טייך האָט זיך נאָך ניט געעפענט. נאָר ביי די ברעגען איז דער אייז געווען שוואַך, און דאָרט, וואו די רינעס זענען אַריינגעפאַלען, האָט די טייך געקאָכט ווי אין אַ קעסעל.

אין דער לופט האָט זיך שוין אָפט געהערט אַ פיפס פון נייע סאָרטען פויגעלאַך, וועלכע זענען אָנגעקומען מיט די ערשטע טעג פונ'ם שענעם פריהלינג. אונזערע קליינע קינדערשע הערצלעך האָבען זיך געצאַפעלט פאַר שמחה. עס האָט שוין געשמעקט פון ווייטען מיט דער הגדה, מיט די כוסות, מיט „בין הזמנים“. די זון, מיט די רוטשאַיעס, מיט די פויגעלעך און, איבערהויפט, די טישלעך מיט „שלוח מנות“ האָבען אונז געצויגען אויפ'ן גאַס ווי אַ מאַגנעט. לערנען האָט זיך ניט געוואָלט, אַז איין גאָט זאָל רחמנות האָבען.

נאָך פון ראש חודש אדר אָן האָבען מיר געצעהלט מיט דער גרעסטער אונגעדולד די טעג: וויפיעל עס איז געבליבען צו פורים. דער רבי האָט פון אונז געהאַט קאַלט און וואַרם און מיר פון אידם נאָך מעהר.

ענדליך איז ער געקומען, דער טאָג, וואָס מיר האָבען אַזוי לאַנג געוואַרט; געקומען דער גליקליכער, פרעהליכער אסתר תענית.

אסתר תענית איז, פֿערשטעהט זיך, אויף אַ האַלבען טאָג. אָבער מיר האָבען הלואי געלערנט 2 שעה אויפ'ן וויינער. די קאָפּ האָט קיין זאַך ניט גענומען — אָט ווי דער טיש. דער רבי האָט שוין גע־פּרופּט אויף זיין שטיינער, די רביצען אויף איהר שטיינער, אָבער עס האָט געהאָלפען ווי די קאַץ. אַלע ווײַלע פֿלעגט דאָ דער, דאָ יענער אינגעל ניט ווערן פֿון טיש, און באַלד נאָכדעם פֿלעגט זיך שוין הערען אויפ'ן הויף דאָס מעקען פֿון דער ציג, דער האָלדער פֿון דעם ענדיק און דאָס אַלץ בעגלייט פֿון דער רביצינ'ס קללות.

און באַלד איז די טאַקע אַליין, די רביצין הייסט עס, אַרײַנ־געלאָפען מיט גוואַלדען און קללות אין חדר:

— לאָז זיי אַוועק, די ממזרים, די ימח־שמו'ניקעס! זאָלען זיי געהן אַהיים, אַהן אַ קאָפּ, רבונו של עולם! וואָס האַלסטו זיי? עס איז דאָך אַן עק פֿון לעבען — היים זיי געהן, אַז ניט, כאַפּ איך די קאָצערע און בין מכבד זיי און דיך אויך, פֿאַרשטעהסטו מיך?

דער רביצינ'ס סטראַשונאַק האָט געווירקט, און נאָך דעם ווי ליבעצקע יאָלאָפּ און המאה'קע בראַמבאַץ האָבען געכאַפּט מיט'ן קאַנטשיק, האָבען מיר בעקומען די ערלויבעניש צו געהן אַהיים, בע־גלייט מיט דער רביצינ'ס ברכה: דורך דער ערד זאָלט איהר געהען, רבונו של עולם!

ראַטעווענדיג זיך פֿונ'ם קאַנטשיק, איז ליבעצקע יאָלאָפּ אָנ־געלאָפען אומגעלומפּערט, ווי זיין שטיינער איז געווען, אויף דער פּאַמאָניצע, און האָט זי איבערגעקעהרט. דערפֿאַר האָט ער געכאַפּט טאַקע אַ געזונטען שמאַרהײַ מיט דער קאָצערע און אגב אורחא האָט שוין די רביצין מכבד געווען נאָך עטליכע אונשולדיגע. ווי פֿון אַ פֿײַער זענען מיר אַלע ראַפּטאָם אַרויסגעלאָפען אויפ'ן הויף. דאָ, האָבען מיר זיך אַלאָז געטהאָן גלייך צום ענדיק מיט אַ האָלדער... האָל־דער... האָלדער!... דער ענדיק האָט זיך אָנגעבלאָזען רויט ווי אַ בוראַק און בלאָה ווי אַ קעסיל, און ווערגענדיג זיך פֿאַר כעס, האָט ער געמיהט זיך מיט אַלע קרעפֿטען נאָכצוהאָלדערן איטליכען פֿון אונז אויף זיין שטיינער.

דעם ענדיק'ס כעס, אַזוי ווי דער רביצינ'ס, איז אייגענטליך געווען מעהר אויף צו כלומר'שט, ווי אויף צו נ'אמת'ן. כאָטש דער האָט זיך געבלאָזען און י ע נ ע האָט געשאָלטען, האָבען מיר אָבער גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אָהן אונזער חברה בענקען זיי שטאַרק. די רביצין איז טאַקי שוין אָבגעגאַנגען פֿון כעס און האָט זיך גע־קאַטשעט פֿון געלעכטער צוזעהענדיג אונזערע שטוקעס מיט'ן ענדיק, און מיר, פֿערשטעהט זיך, זענען שוין אויך געוואָרען מיט איהר

גוטפֿרײַנד. אײגענטליך װעגען מיר מיט איהר קײן מאָל ניט געװען ברוגז אויף אַנ'אמת. די קללות מיט דער קאָצערע — דאָס איז אַליץ געװען אַנ'אָנשטעל, בשעת מיר פֿלעגען איהר שוין גוט אַרײַן אין די בײנער. אין אַ געװעהנליכער צײַט װעגען מיר געװען מיט איהר די בעסטע גוטע פֿרײַנד. זונטאָג פֿלעגט זי אונז מכבד זײַן מיט באָב און דאָנערשטאָג מיט רויהע ברוצקע אָדער מעהרען פֿון צימעס, פֿרײַטאָג פֿלעגען מיר איהר ברײנגען אין די פּאָלעס שאָלעכץ פֿאַר איהר ציעג און פֿלעגען האַלטען די ציעג פֿאַר די הערנער, בשעת זי פֿלעגט מעלקען. אמת: אַזױנע סצענעס װי הײַנט, פֿלעגט זײַן אָפֿט, אין די האַלבע טעג, בעזאָנדערס פֿאַר אַ יום טוב. אָבער אַז מיר פֿלעגען קומען נאָך יום טוב צוריק אין חדר פֿלעגט זי אונז מקבל פּנים זײַן, װי גאָר נישט ניט געװען.

אַרויסלויפֿענדיג פֿון חדר און אָבגעבענדיג אַ שענעם „האָלדער זײַ געזונד" דעם ענדיק — האָבען מיר זיך אַװעקגעלאָזען „שאַגאָם מאַרש" גלײַך צו די „שלח מנות" טישלעך. נאָר דאָרט איז אונזער װיזיט געװען אַ קורצער. די װײַבער אַרום די טישלעך האָבען אַ קוק געטהאָן די װײַסע חברה, האָבען זײ שוין פֿערשטאַנען, אַז דאָס געהען ניט זעהר קײן געהױבענע סוחרים און אײנע צו דער אַנדערער האָט גענומען שרײַען: „גיב אַכטונג, זעה, אָן טראָגט שוין דער רוח די קלײנע קעשעניקעס. זײ װעלען דיר פֿון טישעל מאַכען אַש!..."

מיר האָבען זיך שטאַרק בעלײדיגט פֿון דעם ברוך הבא. גאָט איז אונזער עדות, אַז אויסער קושינקען, מאָשע דעם קעסלערס בן'אָק, האָט קײנער פֿון אונז אויפֿ'ן לעבען די האַנד ניט אַרײַנגע־שטעקט אין אַ מולטעריל. מיר האָבען נאָר געװאָלט כאָטש אָנזעטיגען זיך מיט'ן קוק פֿון װײַטען — אויף די צוקערנע סאָלדאַטען מיט די פֿערד, מיט די העהנער, מיט די לעקאַכער, מיט די... נאָר מאַלע װאָס דאָרטען איז געלעגען אויף די טישלעך און אין די מולטערלעך...

נו, מילא... מיט פֿערקלעמטע הערצער װעגען מיר פֿון דאָרטען אַװעק. נאָר — אויבען די לאַכענדע זון און אונטען די מונטערע, רױשענדע רוטשאַיעס, האָבען אונז ניט געלאָזען זײַן לאַנג פֿערקימערט. קיביקע חװאָלע דער גראָבערס, האָט זיך אַ שטעל געטהאָן מיט אַ געשרײ: „סטראָיסאַ!" און דער גאַנצער עולם האָט זיך צושטעלט אין אַ שורה און געװאָלט מאַרשירען צום טײַך, לאָזען מיהלען אויף די רינעס. אָט דאָ האָבען מיר זיך געכאַפּט, אַז המאהיקע בראָמבאַץ איז ניטאָ.

— יאַמען, װאו איז בראָמבאַץ? — האָט מען געשריען פֿון אַלע זײַטען.

— אָן איז ער! אָן! אָן! טוט אַ קוק, וואָס טוט ער דאָרטען? עפּעס ער באַהאַלט זיך.

חברה האָט זיך אַלאָז געטהאָן און ווי ערשטוינט זענען מיר געוואָרען אַז מיר האָבען דערזעהען ווי המאה'קע שטעהט און „כּראָמ־שקעס" אַ צוקערנעס באַראַן.

המאה'קע האָט נאָר צייט געהאַט אויפצועסען די הערנער מיט'ן עק, איז שוין אין איין אויגענבליק דער גאַנצער באַראַן מיט אַלע פיער פיס געווען ביי „בולקע'ן" אין די הענד.

— „יהלוקו!" האָט אַ קאָמאַנדעווע געטהאָן קיב'קע, וועל־כער איז „על פּי גורל" היינט געווען קיסר. דער באַראַן זאָל געהן אויף חברה און „איהם" זאָל מען געבען אונטער־פלעצלעך. ערשטענס, ווייל דער באַראַן איז אַ „לינקער" און צוליעב איהם האַלט מען אונז אַלעמען פאַר קעשעניקעס. צווייטענס, דער־פאַר וואָס ער פרעסט אַליין און חברה גיט ער קדחת.

המאה'קע האָט אָבגעשוואָרען מיט זיין טאַטען און מיט זיין מאַמען און מיט זיין חלק עולם הבא, אַז דעם באַראַן האָט ער געקויפט פאַר אַ מזומן'עם גראָשען וואָס ער האָט היינט אָפּגעשפּאָרט פון אָנבייסען. ער האָט אונז געוואָלט פיהרען צו דער אידענע, ביי וועמען ער האָט געקויפט דעם באַראַן, און זי אַליין, וועט זאָגען עדות. מיר האָבען איהם געגלויבט און פון די „אונטערפלעצלעך" איז ער נצול געוואָרען, אָבער דעם באַראַן האָט ער שוין צוריק ניט געקראָגען.

יעצט איז געוואָרען אַ האַרבע קשיא: ווי צוטהיילט מען דעם באַראַן אַלעמען אויף גלייכע חלקים. עס זענען געמאַכט געוואָרען פערשידענע פאָרשלעגע. אָנגענומען געוואָרען איינשטימיג איז טאַקע דער פּלאַן פון המאה'קען אַליין: מען זאָל גאָר ניט טיילען, נאָר געבען איטליכען אַ סמאָקצע, ביז עס וועט זיין גאָר.

פאַר דעם שכל'דיגען פּלאַן האָט המאה'קע בעקומען דעם ערשטען סמאָקצע און דעם טיטול „שני למלך".

אַז מען האָט גע'פּטר'ט דעם באַראַן, איז מען אַוועק צום טייך לאָזען אויף די רינעס מיהלען און שיפען. דאָרטען האָט מען „גע־אַרבייט" ביז עס איז געוואָרען פינסטערלעך, דאַן האָט מען זיך דערמאָנט, אַז מען דאַרף געהן אַהיים און בודק זיין די שרייערס מיט די קלאַפּערס און די קאָלעקאָטקעס, און אגב טאַקע כאַפּען עפּעס אין מויל אַריין פאַר דער מגילה.

דאָ געדהט אַ געשיכטע, וואָס פאַרנעהמט זעהר אַ וויכטיגען פּלאַץ אין אונזערע הדר'שע „קראָליקעס". שעפּע, לאה דער חסיד'טשיכעס, האָט אונז אויפגעגעבען אַ פּראָיעקט ווי אַזוי מיר זאָלען היינטיגעס

יאָהר אַראָב=בריינגען משיה'ן. דער מיטעל איז גאָר אַ פּראָסטער: מען זאָל ניט שלאָגען המן'ען מיט די געוועהנליכע געוועהר: שרייער, קלאַפּערס, קאַלאַקאָטקעס וכדומה. המן'קע, זאָגט ער, איז אַ גוטער חברה=מאַן. ער בלייבט מיט גאַנצע ביינער און אַנטלויפט ווייטער אין שושן. און אַז ער גערהט אָפּ דערנאָך פון די קלעפּ—קומט ער איבער אַ נייעס, אומאַכט אָן אידען אַלע צרות. כל זמן המן לעבט קען ניט קומען משיח. היינט אָבער, זאָלען מיר זיך נעהמען צו אידם גאָר מיט אַנדערע כלים. יעדער פון אונז זאָל בריינגען אין שול אונטער'ן פּאָלע אַ פלאָקען אָדער אַ שיים האָלץ, אָבער אַגעזונטען, מיט סוקעס, און אַזוי לאַנג שלאָגען ביז מען וועט אידם, המן'ען, איבערברעכען „רוק און לענד" ער זאָל ניט אויפשטעהן „תחית המתים". אָט דאַמאָלסט וועט קומען משיח.

דער פּלאַן איז אונז זעהר געפעלען געוואָרען און מיר האָבען אַזוי געטאָן.

די איינצעלהייטען: ווי אַזוי מיר האָבען אויסגעפיהרט דעם פּלאַן, און וואָס מיר האָבען דערפאַר געכאַפּט פון שמש און דעם פערבייסען דערנאָך אין דערהיים—דאָס אַלץ איז פאַרשריבען אין אונזער חדר'שען „פּנקס". אַז דער אויבערשטער וועט מיר מזכה זיין וועל איך דאָס אייך דערצעהלען אם ירצה השם באריכות איבער אַ יאָהר פּורים.

די טייך שפּיעלט.

בין הזמנים איז שוין געווען לאנג: פון ראש חודש ניסן אן. צוויי וואכען כמעט איז אונזער קליינע חברה פון „ברעג" געווען פריי. נאר ליידיג זענען מיר ניט געגאנגען. פערקעהרט: מיר זענען געווען זעהר פערנומען. און ניט בלויז פערנומען, נאר טאקע פערהארעוועט.

און ארבייט האט אונזער קליינע חברה געהאט א סך. מ'האט געדארפט שטארק אכטונג געבען אויף דער טייך, וועלכע האט אנגעהויבען צו לאזען, און ערטער וואו געווען שוין גאר פריי פון אייז. די טייך האט פערנומען זעהר א גרויסען טייל אין אונזער יאטישען לעבען: סיי ווינטער, ווען זי איז געווען פערשמידט מיט אייז, סיי זומער, ווען זי האט זיך געקייקעלט פויל און לאנגזאם, שטיל און גלאט, אז מ'האט איהר קוים געהערט, און נאר אונטער'ן בריק האט זי אונטערגעמורמעלט, ארומכאפענדיג די פאליעס און דרייענדיג זיך ארום זיי, און בייזערנדיג זיך מיט א דינעם קוויטש, גלייך ווי זי וואלט געווען ברוגז, וואס זיי האבען זיך אוועקגעשטעלט אין די קווער און פערצאמט איהר דעם וועג. צייטענווייז פלעגט זיך אונז דוכטען פערקעהרט, אז די קליינע וואסער־רעדלעך כאפען ארום די פאליעס און דרייען זיך ארום זיי גלאט אזוי: כמין הקפות. זיי בייזערן זיך גאר ניט, נאר פערקעהרט: זיי זינגען אונטער פון פרעהליכקייט וועגען א מין זמר'ל און הוידען זיך מיט די „דראנגען" און גיבען זיי אונטער השק צוגעהן מיט זיי א טענצל.

דאס איז געווען אין א געוועהנליכער צייט. אנהויב פרידלינג אבער האט די קליינע, שטילע און נאכלעסיגע טייכעל בעקומען גרויס חוצפה און געמאכט מורא'דיגע שטיק. די גאנצע שורה הייזלעך אויפ'ן ברעג האט אויף איהר ווילדען שפּיעל געקוקט מיט אימה און ציטערניש. ניט איין מאל האט געטראפען, אז שוין צום צווייטען סדר האט זי זיך אומגעריכט, אין מיטען דער נאכט, אריינגעכאפט אין די שטיבלעך, אונטערגעשווענקט די אויוועגס, אויפגעהויבען טישען, בעטען

און בײנקלעך, איבערגעקערט אַלץ קאַפּויר, אָנגעמאַכט אַ חורבן און ניט זעלטען צוגענומען מענשליכע קרבנות.

דעריבער האָט מען אויפ'ן ברעג בײ אונז פאַר איהר מורא געהאַט, ווי נאָר די מאַרעץ זוהן האָט אָנגעהויבען אַ באַק צו טאָן און ריטשקעלעך האָבען אָנגעהויבען צו לויפען פון אַלע זײטען אין דער שטילער טײכעל אַרײן.

אונזער קלײנע חברה האָבען דעריבער די גאַנצע בין הזמנים פון איהר די אויגען ניט אַראָפּגענומען, ווי פון אַ גנב. נאָר דעם אמת מוז מען זאָגען, אַז מורא האָבען מיר פאַר איהר גאָר ניט געהאַט. פערקעהרט: וואָס מעהר די עלטערע האָבען פאַר איהר געציטערט, אַלץ שטאַרקער האָבען מיר זי ליעב בעקומען. עפּעס איז זי פּלוצלונג לעבעדיג געוואָרען, האָט בעקומען אַ מויל מיט אַ נשמה און געוואָרען מיט אונז חבר=לאַפּ. מיר האָבען זי פערשטאַנען, געפיהלט און ליעב געהאַט. עפּעס אַ קלײניגקײט אַ גאַנצען ווינטער געלעגען אויף אײן אָרט מיט פערקאָוועטע גלידער, ניט געקאָנט זיך אַ קעהר טהאָן. ווי זאָל זיך איהר ניט גלוסטען אַ שפּיעל צו טאָן, פּטור ווערענדיג מיט אײן מאָל פון איהרע אײזערנע פענטעס, טאַקע פּונקט, ווי מיר יאַטען, בשעת מיר ווערען פּטור מיט אײן מאָל, בין הזמנים, פונ'ם חדר מיט'ן רבי'ן, מיט'ן קאַנטשיק...

מיר האָבען זי געהיט און געהאַט שוין אונזערע סמנים צו וויסען, צו זי הויבט זיך און אויף וויפיעל זי קומט צו. ציגעהן גאָר נאָהנט האָבען מיר, אמת, מורא געהאַט. נאָר נעבען די „לאָכטשי־נעס", וואָס די ריטשקעלעך האָבען אויסגעגראָבען מיט זײער ווירבלען אין די ערטער, וואו זײ פלעגען אַרײנפאַלען אין תהום אַרײן, פלעגען מיר פאָרזיכטיג צוטרעטען און אַרײנשטעקען אונזערע שטעקענס אין דעם אָרט, וואו דער ווירבעל האָט אָנגעקאָכט אַ גאַנצען בערגיל מיט דונקעל גרויע שוים.

און די טײך האָט זיך געהויבען און געהויבען. פריהער האָבען מיר זי געקאָנט מעסטען מיט אונזערע שטעקלעך. דערנאָך האָבען מיר שוין געמוזט האָבען אַ גרעסערע מאָס. מיר האָבען געמוזט אַרויס־רײסען די שטעקענס פון די בעזעמער אין שטוב; דערנאָך האָט מען שוין געמוזט האָבען די ווילקעס. באַלד זענען שוין די ווילקעס אויך געווען צו קורץ און מיר האָבען געמוזט צוגנב'ענען פון שטוב די לאָפּעטעס פון ברויט. אין אַ טאָג אַרום אָבער האָט מען שוין געמוזט ברויכען די גרעסטע מאָס, וואָס מ'האָט נאָר געקענט קריגען

אין שטוב. דאָס איז נעמליך דער שטעקען פון דער פאָמעלע.

אָבער אויך דער שטעקען פון דער פאָמעלע האָט געקאָנט דינען בלויז אויף איין האַלבען טאָג. באַלד איז שוין ניט אין שטוב, ניט אויף די הויפען געווען מעגליך צו קריגען אַזא שטעקען, וואָס זאָל כאַפּען ביז'ן גרונד. חברה האָט זיך געמוזט לאָזען אויף די דעכער און אַראָבּרייסען ערגעץ פונ'ם שינדעל דאַך בגנבה אַ לאַטע. ס'פערשטעהט זיך, אַז דאָס איז ניט לייכט אָנגעקומען און, אַז מ'האָט שוין יאָ געקראָגען, האָט מען אָפּט דערפאַר געכאַפּט פונ'ם בעל-הבית אַ ביטערען פסק.

נאָר ווי עס איז געקומען צו דער לאַטע, אָט דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבען אונזער אַרבּייט און — אַנ'אֶמת'ער לעבען. נאָך דער לאַטע האָט מען שוין מעסטען גאָר ניט געקאָנט. די טייך איז געווען אַזוי ביין און צאָרנדיג, אַז מ'האָט צו איהר ניט געקאָנט צו טרעטען אויף צעהן קלאַפטער. דאָס איז שוין ניט געווען קיין טייך; דאָס איז געווען אַ ים, אַנ'אֶמת'ער ים, מיט בּרויזענדע כוואַליעס. אָט ווי ער ווערט געמאָלט אין ברכי נפשי, צו אין יונה.

דער גאַנצער ברעג פון ביידע זייטען איז געווען פאַרטרונקען. די כוואַליעס מיט די קריעס האָבען זיך געטראָגען האַרט אונטער בריק מיט אַנ'אימה'דיגען געפילדער. די פאַרענצען זענען געווען אַראָבּגעריסען און דער גאַנצער בריק האָט באַלד בעקומען אַ העסליכען פנים פון אַ סקעלעט. די ברעטער זענען כמעט אַלע געווען אַראָבּגעטראָגען, און נאָר די קלעצער וואָס זענען געווען צוגעשלאָגען צו די פאַליעס מיט אייזענס האָבען זיך נאָך ווי עס איז געהאַלטען. אָבער אויך די האָבען זיך געטרייסעלט פון שרעק און רחמנות'דיג געקרעכצעט, ווי עס פלעגט נאָר אָנפאָהרען אויף זיי אַ קריע און מיט אַ ווילדען ברום און קנאַק זיך צו ברעכען און שטיקער-ווייז דורכשפאַרען זיך, ברומענדיג און קנאַקענדיג און ווילדעווענדיג צווישען די פאַליעס, ביז זיי פלעגט געלינגען אַרויסצובעקומען זיך דעם וועג אין דער פריי.

דאָס רעכטע שפּיעל איהרע האָט די טייך געפּראַוועט חול-המועד, אָבער דעם שפּיץ פון איהרע קונדס-שטיק האָט זי ערשט אַרויסגעוויזען שביעי אָדער אַחרון של פסח. דער ברעג אונזערער איז געגאַנגען באַרג אַרויף. וואָס אַ טאָג ווייטער זענען די שכנים פון די אונטערשטע הייזער געלאָפען אַלץ העכער אויפ'ן באַרג. די, וואָס האָבען געהאַט קרובים, אָדער פריינד אין די ווייטערע און העכערע

טײלען שטאָדט, האָבען קוים בעװיזען צו כאַפּען אין לײלעכער די מצה מיט די נויטיגסטע עסענזאַכען און ענטלאָפען אויף אַ פֿודר צו זײ. צו טרעטען צו אונז האָט מען שוין נאָר געקענט הירך געדרײטע אַרומיגע הינטערגעסלעך. צום בריק האָט מען נאָר געקענט צוקומען פֿון איין זײַט—דעם העכערען, צום שטאָדט צו. דער אַנדערער זײַט בריק איז געװען אין גאַנצען אָבגעשניטען, װײַל דער ברעג און די גאַנצע גאַס איז געװען פֿערטרונקען. צום בריק גופא פֿלעגען נאָר װאַגען צו צוטרעטען די פּאָזשאַרנע מיט זײערע פּיקעס, מיט װעלכע זײ פֿלעגען צוברעכען די קריעס, פֿאַר זײער אָנקומען צום בריק, כדי זײ זאָלען איהם ניט הרוב מאַכען אין גאַנצען. אַ חוץ די פּאָזשאַרנע, פֿלעגען צײַטענװײַז אַרויפֿקלעטערען אויפֿ'ן בריק סאָלדאַטען, שקצים און אַ מאָל אידישע בחורים־שיבעלניקעס, פּשוט צו װײַזען דעם עולם אַ בריה'שאַפֿט, אַז זײ שרעקען זיך ניט פֿאַר דער געפֿאַהר. „מופקרים!" פֿלעגען עלטערע אידען אויף זײ שרײַען.

און דער עולם האָט בײַ אונז אויפֿ'ן ברעג געװאַקסען און געװאַקסען, צוזאַמען מיט דעם בושעװען פֿון די כװאַליעס און די קריעס. טויזענדער מענשען האָבען זיך דאָ אַ גאַנצען טאָג בעװעגט און געברויזט, קומענדיג פֿון אַלע עקען שטאָדט, פּונקט װי די כװאַליעס אין טײַך. עס איז אין שטאָדט און אונטער שטאָדט אַ נפש ניט געבליבען, װאָס איז ניט איבערגעװען בײַ אונז אויפֿ'ן ברעג! מ'האָט געהודזעט, געליאַרעמט, געגעבען עצות. אַלעמענס אויגען זענען איבערהויפּט געװען געװענדט אויפֿ'ן בריק, און אַרום בריק, װאו דאָס שפּיל פֿון די כװאַליעס און דאָס טאַנצען און קנאַקען און ברומען פֿון די קריעס, איז געװען אַם שטאַרקסטען.

אונזערע יאַטען זענען געװען בײַ זיך דאַמאָלס מאָדנע געהויבען און שטאָלץ! אַ האַ! טאַקע אונזער טײַך, אונזער ברעג, אונזער בריק! אויף דעם גאַנצען עולם האָבען מיר געקוקט, װי אויף אורחים, װאָס זענען צו אונז געקומען אין געסט. מיר אַלײן האָבען זיך געהאַלטען, װי בעלי בתים, ערנסט, מעשה גרויסע מענשען. פֿלעגען צוגעהן צו דער, אָדער יענער קופּקע מענשען און אײַנהערען זיך אויפֿמערקזאַם, װי און װאָס מ'רעדט װעגען אונזער טײַך, און אָפֿט אַרײַנשטעלען אונזערע אַ בעמערקונג, בנוגע צו דער היסטאָריע פֿון דער טײַך אין איהר פֿריהערדיגער אײז־און גליך־פּעריאָדע, אָדער פֿון פֿאַר אַ יאָהריגען געװיסער: װעמעס הײַזער האָט פֿאַר אַ יאָהרען אַראָבגעטראָגען, װעמעס אויװענס צוואַרגעקט, בײַ װעמען עס איז דערטרונקען געװאָרען אַ ציג. דערבײַ האָבען מיר געהאַט אויך אַנדערע

אַרבייט. מ'האָט געדאַרפט העלפען קלייבען זיך די שכנים, וועמען דאָס וואַסער האָט מעהר געדראָהט. דאָס איז געוועזען זעהר אַנינטערעסאַנטע אַרבייט. דערביי פלעגט מען, פערשטעהט זיך, ניט פערגעסען אונטערצופאָהרען אויף דער דראָזשקע. אַחוץ דעם האָבען מיר פון ברעטער געמאַכט שיפען און אומגעפאָהרען אין די הויפען, וואָס זענען שוין געוועזען פערטומען מיט וואַסער, באָרוועסע און פערריסען די פאָלקעס ביז גאָר אַרויף. אַמאָל פלעגט מען קריגען ביי אַ גוי פון ברעג אַנ'אמת'ע שיפעל און אַרויספאָהרען אין דעם אויפ'ן גאַס, ס'פערשטעהט זיך, וואָס ווייטער פון טייך, דאָס פלעגט קאָסטען אַ קאָפּיקע; אָבער געלד האָט מען שוין געקראָגען.

דער עיקר אינטערעס איז אָבער בעשטאַנען אין דעם, וואָס דאַמאָלס איז גלאַט געוועזען „קאָנפעדעראַציע“. קיין אויבערהאַר, קיין אויפזעהער: וואָס געוואָלט: דאָס געטאָן. די עלטערע זענען געוועזען אין שרעק און ציטערנעס; האָבען געהאַלטען די אויגען צום הימעל און געבעטען גאָט, אַז די טייך זאָל שוין אָנהויבען אָבפאַלען, מ'זאָל כאָטש האָבען רוהיגע אַנדערע טעג יום טוב. מיר אָבער האָבען געבעטען גאָט, אַז די טייך זאָל שפּילען, זאָל קונדס'עהען, זאָל ברומען און קנאַקען. אין אונזער ברוסט, אַזוי ווי אין דעם טייך, האָט זיך אויפגעהויבען אַ רעוואָלוציע, אַ בעוואוסלאָזע רעוואָלוציע געגען אַלץ, וואָס האָט אונז געשטיקט און געפּענטעט, געגען די קייטען פון חדר און דעם גראָען אומעט פון דעם היים. ווי אויף געטער האָבען מיר געקוקט אויף יענע שקצים און כוואַטעס־בחורים, וואָס האָבען מיט לעבענס־געפאַהר אַרויפגעקלעטערט אויף די נאַקעטע קלעצער פונ'ם בריק און דערמיט אויף זיך געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם גאַנצען עולם אויפ'ן ברעג. די העכסטע שטאַפּעל פון גליק איז געווען, ווען עמיצען איז געלונגען, גלייך נאָך די גרויסע בחורים און שקצים, פויזענדיג אויף אַלע פיער אַרויפצוקלעטערען אויפ'ן בריק אַזוי קונציג און בעהאַלטען, אַז קיינער פון די שטוביגע זאָל ניט בעמערקען. און אַז מ'איז שוין געוועזען אויבען אויפ'ן קלאָץ האָט זיך שוין גאָר נישט געוואָלט, דאַן איז געוועזען נאָר איין פערלאַנג: צו זיצען אויפ'ן קלאָץ און קוקען פאַר זיך אויף דאָס ברומען און טאַנצען פון די כוואַליעס, אויף דעם קאַמפף פון די קריעס מיט די כוואַליעס, אויף דעם מורא'דיגען חירבעל פון די וואַסער אַרום די פאַליעס. די נשמה איז געוועזען פערכשופ'ט אין וואונדערליכע חלומות. האַלטענדיג זיך שטייף אָן קלאָץ פלעגט מען קענען אַזוי שטונדענלאַנג אָבזיצען, די צוגעשמידט און קוויקען זיך מיט דער שטורמדיגער מוזיק פון די כוואַליעס. דאָס האַרץ פלעגט זיך הויבען, הויבען און טאַנצען צוזאַמען

מיט די כוואַליעס און די ליפּען פֿלעגען אַזוי ווי שעפּטשען אונבעוואוסט: אַי, דאָס איז דאָך אונזער טײַכעל, אונזער טײַכעל, און דער בוזעם פֿלעגט ווערען פֿול מיט ליעבע צו דער טײַכעל, וואָס איז איצט געוואָרען אַ ים, וואָס איז געוואָרען די העלדין פֿון דעם טאָג. מיט ליעבע און מיט קנאה פֿלעגען מיר אײַנשפּאַרען די אויגען אין די כוואַליעס, גוואַרפֿען שפּענדלעך און היות'ן זיך ווי אין איין מינוט ווערען די האַסטיג פֿערטראָגען אַזש ווײַט, ווײַט פֿון אונז, און עס האָט זיך געוואָלט אַלײַן זײַן לײַכט ווי דאָס שפּענדעל, טראָגען זיך אויף די שוימענדע כוואַליעס העט, העט, איבער פֿעלדער, איבער וועלדער, וואַנדערן אין ווײַטע, פֿרעמדע לענדער, אונטער נײַע הימלען, צווישען נײַע מענשען, וואו עס איז ניטאָ קײַן רבי און קײַן חדר, וואו די זון לאַכט, וואו די טײַך שפּילט און וואו יונגלעך קענען אויך, ווי די זון און די טײַך, און די פֿויגעלעך, לויפֿען און שפּרינגען און שפּילען...

* *
*

דרײַ פֿיער טעג האָט געדויערט דאָס שפּילען פֿון דער טײַך. אויפ'ן פֿינפֿטען טאָג, אַז מיר זענען, ווי אונזער שטייגער, גאַנץ פֿריה אַרויס אויפֿ'ן ברעג, האָבען מיר בעמערקט שוין אַ שטיק ברעג פֿרײַ פֿון וואַסער; אויף איהם איז געלעגען אָנגעוואָרפֿען קלעצער און העלצער און שפּענער, וואָס די טײַך האָט אַזוי אין אײַלעניעס געלאָזען, אַנטלויפֿענדיג פֿון ברעג. די ערד איז געווען שטאַרק דורכגענעצט, ערטערווײַז זענען געשטאַנען לוזשעס. מיט יעדער שטונדע איז דאָס וואַסער אַלץ ווײַטער אָבגעלאָפֿען. דער זײַטיגער עולם איז געוואָרען שטיערער און שטיערער, ביז עס זענען מעהר ניט געבליבען, ווי די אייגענע שכנים. מ'האָט געדאַנקט גאָט, וואָס מ'איז הײַ יאָהר אָבגעקומען נאָר מיט שרעק. קײַן מענשליכע קרבנות זענען ניט געווען. נאָר אַ קאַץ האָט פֿערטראָגען אויף אַ שפּיץ אָבגעריסענעם דאַך. מיר האָבען ווידער געהאַט אַרבײַט העלפֿען די שכנים קלײַבען זיך צוריק, אָבער די אַרבײַט איז שוין ניט געווען אַזוי פֿרעהליך, ווי פֿריהער דאָס אַרויסקלײַבען זיך. די טײַך האָבען מיר יעצט ניט געמאָסטען. וואָס רוהיגער זי איז געוואָרען אַלץ גלײַכגילטיגער זענען מיר געוואָרען צו איהר שטילען געריש. מיר האָבען געהאַט צו איהר עפּעס אַזוי ווי רחמנות, עפּעס האָט זיך אונז פֿאָרגעשטעלט, אַז זי האָט געפֿיהרט אַ מוראדיגע מלחמה מ'ווייס ניט מיט וועמען, אַז אָט דער מ'ווייסט ניט ווער

האָט איהר ענדליך בעזיגט. אָבער דער זיעג איז דאָך איהם ניט לייכט אָנגעקומען. וואָכענלאַנג שפּעטער, אַז מיר זענען שוין גע־גאַנגען אין חדר, האָבען מיר געהאַט איינער דעם אַנדערען גענוג צו דערצעהלען פון איהר העלדישען קאַמפף, פון איהרע כוואַטסקע שטיק און שטיפעריי. מיט רחמנות האָבען מיר אויף איהר געקוקט און דאָך איז זי אונז געווען ליעב און טייער צוליעב איהר בערידהמטער פערגאַנגענהייט . . .

ל״ג בְּעוֹמֶר אין וואַלד.

אין חדר בין איך דאַמאָלסט געווען. איך האָב נאָר וואָס איבערגע'חזר'ט מיט'ן בעהעלפֿער די דרײַ בלעטלעך „עבֿרי". הײַנט איז געווען אויף אַ האַלבען טאָג, אָבער איך בין אומגעגאַנגען אָהן אַ קאָפּ: דער „פּסוק", וואָס איך האָב פֿון רבי'ן בעקומען, האָט מיר דעם יום טובֿ צושטערט. איך האָב מיר קײַן אָרט ניט געפֿונען. סטײַטש, פֿאַר וואָס האָט דאָס מיר געקומט? פֿאַר וואָס האָט מיך דער רבי געשמיסען! איך האָב געמאַכט אַ רײַט אויף דער רעבעצינס ציג... די ציג האָט געגעבען אַ שפּרונג און מיך אַ בריקע געטהאָן מיט די הערנער אין זײַט, אַז מיר האָט אפֿשר אַ האַלבע שעה געשטאָכען... און איהם איז נאָך ווייניג, נעהמט ער און הייסט זיך מיר לעגען... „רעבע־קאָפּעבע"....

אָט אַזוינע געדאַנקען וועגען דעם „פּסוק" האָבען צוקלעמט מײַן קינדערשע האַרץ, דעם רבי'ן האָב איך אין דער מינוט פֿײַנט געהאַט ווי דעם מלאך־המות; דער מכשפֿה, די רעבעצין, האָב איך אין די אויגען ניט געקענט קוקען; אָן דער ציג האָב איך בעשלאָסען זיך נוקם צו זײַן אָן אַנדערס מאָל. איך וועל זי שוין דערהיטען געהענדיג פֿון פֿעלד און מוז מאַכען אַ רײַט דורכ'ן גאַנצען שול־הויף; „איצע־קאָפּיצען", דעם בעהעלפֿער הייסט דאָס, דערפֿאַר, וואָס ער האָט מיך געהאַלטען פֿאַר די פֿיס, וועל איך ווײַטער ניט געבען פֿון מײַן אָנבײַסען אַ לעק — און זאָל ער וויסען... מיט די קינדער, די חברים, בין איך געווען האַלב ברוגז.

אָב'פּטר'נדיג די דרײַ בלעטלעך, בין איך אַרויסגעלאָפֿען פֿון חדר ווי פֿון אַ פֿײַער און — גלײַך צום מיסט־קאַסטען. דאָס איז געווען דער געוועהנליכער פּלאַץ וואו מיר, קינדער, פֿלעגען זיך שפּיעלען. דער מיסט־קאַסטען האָט אונז צוגעצויגען צו זיך ווי אַ מאַגנעט, ערשטענס, דערפֿאַר, ווײַל קײַן אַנדער אָרט איז כמעט ניט געווען וואו צו שפּיעלען; און צווייטענס, ווײַל דאָרטען איז געווען אַן אוצר

פֿון שפּילזאַכן; צעבראָכענע פֿלעשלעך און פֿאַרפֿורקעס, שטיקלעך סטײַנגעס, קײַלעכדיגע און דרײַ־עקעדיגע שטיקלעך בלעך, סטרוזש־קעס, פֿאַסקעלעך רימען און פֿאַרמעט און אַמאָל טאַקע אַ קנעפּעל אויך — קורץ דאָרטן איז געווען אַ שאַץ פֿאַר אונז.

איך בין געזעסן נעבן מיסטקאַסטן מיט אַ שווערן געמיט און אַ ביטער האַרץ, די אויגן אַראָבגעלאָזן און די פֿיס אונטער זיך. אין מיטן הער איך אימעצער רופֿט אָן מײַן נאָמען: אַרעלע, אַרעלע.

איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט און געלאָזט לויפֿן. איך האָב דערקענט מײַן שוועסטער'ס קול.

— קום אַהײם, גיכער, אַרעלע, די מאַמע רופֿט דיך, די מאַמע דאַרף דיך האָבן.

די האָט מיך גענומען פֿאַר'ן האַנד און אַוועקגעפֿירט מיט זיך.

אַרויסגעהענדיג פֿון חדר האָב איך געוואָרפֿן אַ שטאָלצן בליק אויף אַלעמען. מײַן בליק האָט דײַטליך גערעדט: „אַהאַ, איך גיה טאַקע אַוועק פֿריהער פֿון אײַך פֿון חדר, מיך רופֿט טאַקע די מאַמע און אײַך ניט".

אויפֿ'ן גאַס איז מיר דער כעס ביסלעכווײַז אָבגעגאַנגען און וואָס ווײַטער איך בין געגאַנגען, איז מיר אַלץ געוואָרן לײַכטער אויפֿ'ן האַרצן. צי די ערוואַרטונג פֿון עפּעס אַ גוטער זאַך, צי דער פֿרײַער ווינטעל, אָדער אַליין דאָס פֿרײַנדליכע וואָרט „אַרעלע", וואָס האָט געקלונגען פֿון אַ הײמישן מענשן, האָט אויף מיך געמאַכט אַזאַ ווירקונג — ווייס איך ניט, אָבער עס איז מיט אַמאָל אַראָב מיר אַ שטיין פֿון האַרצן און דאָרטן, אינווענדיג איז געוואָרן אַזוי ליכטיג, אַזוי וואַרעם, אַז איך האָב אַלעמען מוחל געווען: אי דעם רבי'ן, אי דעם בעהעלפֿער, אי דער ציג... און פֿאַר גרויס שמחה האָב איך זיך צעזונגען אין גאַס אויפֿ'ן קול:

קמץ אַלף זאָגט מען אָ!\
קמץ בית זאָגט מען בּאָ!\
בּאָ, בּאָ, מאַלאַצאָ!\
קמץ אַלף זאָגט מען אָ!

אויפֿ'ן גאַס נעבן אונזער טיהר האָב איך שוין פֿון ווײַטן דערזעהן צוויי גניעדע פֿויערשע פֿערדלעך אײַנגעשפּאַנט אין אַ דאָרפֿישע דראַבינקע. די דראַבינקע איז געווען פֿול אָנגעפּאַקט מיט שטרוי און האָראָכוועס, פֿון אויבן אַ זאַק מיט היי. מיר איז גלײַך אײַנגעפֿאַלען, אַז דאָס האָט אַ שייכות צו מיר. איך בין פֿער־

לאָפֿען פֿריהער פֿאַר דער שוועסטער אין שטוב. דאָרטען איז געווען אַ גאַנצער טומעל. די מאַמע האָט גערעדט דאָ מיט'ן טאַטען, דאָ מיט שכנות, דאָ מיט אַ גוי און אויף מיר האָט זי לכתחילה גאָר ניט געוואָלט קוקען. איך האָב אָבער פֿון דעם גאַנצען טומעל באַלד זיך דערוואוסט, אַז די מאַמע פֿאָהרט מיט מיר אין הײנע, אַ קלײן שטעדטעלע, צו אַ מוהמען אין געסט.

איך האָב גלײך געלאָזען אַלעמען און בין אַרויסגעלאָפֿען צו די פֿערד. איך בין דאָך איצטער געווען מיט זײ אַ נאָהענטער מחותן. אָבער אײדער איך האָב צײט געהאַט זײ גוט צו באַטראַכטען, איז די מאַמע אַרויס, געהײסען מיר קריכען אין וואָגען, זאָגען דעם טאַטען און אַלעמען: „זײט געזונד" — און הײדאַ!

אויפ'ן וועגען האָב איך זיך ערשט דערוואוסט, אַז דעם גוי רופֿט מען יורקע און אַז אויסער אונז דרײען איז געווען נאָך אַ פּאַרשוין, וואָס איז אײגענטליך ניט געזעסען אויפ'ן וואָגען, נאָר אונטער־געלאָפֿען צו פֿוס. דאָס איז געווען „ליסקע", יורקעס הונד.

איך האָב מיט איהם שטאַרק מיטלײד געהאַט, וואָס „ער" לויפֿט נעבעך צו־פֿוס און איך זיץ ווי אַ פּריץ אויפֿ'ן וואָגען, אָבער דאָס פֿרעהליכע הירזשען פֿון די פֿערד, זײער מונטערעס לויפֿען, די פּאַנאָראַמע פֿון די פֿערשידענע בילדער, וואָס זענען מיר פֿאַר־בײגעלאָפֿען, דאָס אַלץ האָט מײנע רעיונות אַוועקגעטראָגען פֿון יור־קעס הונד, מיט וועלכען, דעם אמת זאָגענדיג, עס האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט בעקאַנט ווערען.

און די פֿערדלעך זענען אַלץ געלאָפֿען לוסטיגער און ווײטער פֿערדײסענדיג די מאָרדעס אײנער צום אַנדערען, קוקענדיג אַלע ווײ־לע אָן אַ ווײט, און אימער הירזשענדיג.

מיר זענען שוין געווען אונטערן שטאָדט; עס האָט זיך אָנ־געהויבען אַ ברײטע אַלעע פֿון ווײסע בעראָזקעס מיט גרינע, געדיכטע צוקרײזעלטע קעפּ. די בוימער ווערען געדיכטער, העכער. ניטאָ קײן שטאָדט, קײן גאַסען, קײן הײזער: מיר זענען אין וואַלד.

וואו מיר זענען האָב איך אײגענטליך דאַמאָלסט ניט גע־וואוסט. די זון, דער הימעל, דער הײליגער קאָנצערט פֿון מיליאָנען שטימען, די טויזענד־פֿאַך געפֿאַרבטע דעקע פֿון מיליאָנען בלומען און דער פֿרישער וואַרימער מאַיאָווער ווינטעלע — אַלץ צו־זאַמען האָט זיך אויפֿגעשמאָלצען פֿאַר מײנע אויגען אין אַ מאָדנער, מערקווירדיגער פֿאָרשטעלונג, פֿול מיט וואונדער, פֿול מיט רײנער ענטציקונג. מײן געדאַנק, מײן שמאָלע קינדערשע ברוסט איז ניט

געוועזן אימשטאַנד צו פֿערטראָגען די שטראָמען פֿון נחת, פֿון אונענדליכער לוסט, וואָס האָבען אונערוואַרטעט אַראָבגעגאָסען זיך אויף מיר ערגעץ פֿון אַן׳אונבעוואוסטער, צויבערלאַנד. דער דיזער תענוג האָט געפּרעסט מיין קינדערשע האַרץ, און איך האָב צוגעטולעט די קאָפּ צו דער מאַמע׳ס שויס, און מיין אונבעוואוסטער צושטאַנד איז איבערגעגאַנגען אין אַ רוהיגען זיסען טרוים.

איז דאָס געוועזן ווירקליך אַ טרוים? ניין, דאָס איז ניט געוועזן קיין טרוים! איך האָב, דאַכט זיך, געזעהן מיט די אויגען, ווי די בוימער, אַלע שפּיציגע און געקרייזעלטע בוימער, מיט דער זון, מיט אַלע פֿייגעלעך האָבען געקוקט אויף מיר מיט אַזאַ ליעבען ווינקען און שמייכעל, וואָס האָט געקוויקט אַלע מיינע גליעדער. איך האָב אויך געלאַכט און האָב זיי אַלעמען געוואָלט אַרומנעהמען און צודריקען צו מיינע ליפּען, צו מיין האַרצען פֿעסט, פֿעסט. דערנאָך איז פֿון די אַלע בוימער אַרויסגעגאַנגען דער גרעסטער בוים, און האָט זיך איינגעבויגען גאַר נאָהענט צו מיר. ער האָט מיך אַרומגענומען און געגלעט מיין שטערן, מיינע האָר, אַ קניפּ געגעבען מיר אין בעקעל און געזאָגט: שעהנער זוהנ׳עלע, איך האָב דיך ליעב, קום צו מיר, וועל איך דיר אַלע מאָל געבען אַ זופּ ווין פֿון קידוש און הבדלה. איך האָב זיך איינגעקוקט אין איהם גוט — ערשט דאָס איז גאָר דער אַלטער שמש פֿון דער קאַלטער שול, וואו איך און מיין מאַמע האָבען געדאַוועט.

איך האָב זיך געוואָלט איינקוקען נאָך טיעפֿער אין זיין לאַנגער, גרויסער באָרד און שפּיציגער יאַרמולקע, ערשט קיין באָרד איז שוין ניטאָ און אַנשטאָט דער יאַרמולקע זעה איך אַ קאַפּטור. איך טו אַ קוק: דאָס איז די באָבינקע, וואָס שטעהט נעבען באָד מיט אַ פּעטעלע קוואַסאָק. זי איז מיך אָפּט מכבד מיט אַ גלעזעלע, ווען איך געה פֿון חדר פֿאַרביי איהר. זי רעדט גאָרנישט, אָבער קוקט אויף מיר ווי אימער מיט איהרע פֿריינדליכע אויגען, שמייכעלט מיט איהרע צוקנייטשטע פֿערטריקענטע ליפּען.

אָט אַזוי לויפֿען די געשטאַלטען, קומען נאָהענט, בויגען זיך צו מיר, שושקען מיר עפּעס אין אויער, שמייכלען און גלעטען מיך, און ווען איך וויל איינע אַרומנעהמען, ווערט זי פֿערשוואונדען און קומט באַלד ווידער, אָבער שוין ניט די זעלבע.

איך כאַפּ זיך אויף. אַ קאַלטער טראָפּען טוי האָט אויף מיר אַ שפּריץ געטאָן. וואָס איז דאָס? עפּעס איז אַזוי דונקעל געוואָרען. אַרום און אַרום שוועבען מאָדנע שאָטענס. זיי הויבען זיך, שפּרינגען

צום הימעל. איך פֿערמאַך די אויגען ווידער... טו אַ טאַפּ די
קני, ערשט איך טאַפּ אָן ליפּקעס מאָרדע: שאַ, שאַ — שעפּטשעט ער
— זאָג אידם ניט אַ״ס, יורקען. איך בין זעהר צופֿריעדען. איך וועל
אידם טאַקע ניט אויסזאָגען. פֿון דערשטויגען ווילט זיך מיר אַ קוק טאָן
אויף יורקען. איך קוק זיך איין: יורקע איז ניטאָ, קיינער איז ניטאָ;
נאָר אַ שאָטען זעה איך עפּעס אַנטקעגען מיר. איך דערשראַק זיך,
אָבער באַלד בערוהיג איך זיך: עס הערט זיך ווידער אַ מונטערער־
הירזשען און די שטימע, יורקעס שטימע, מורמעלט ציטערנווייז:

וויאָ!... וויאָ!...

דער נביא אויף דער רעמיזשע,

אדער

די געשיכטע פון מיין בלעכענער לאנטערנע.

„...והיה באחרית הימים — און עס וועט זיין אמאל א צייט... ונהרו אליו עמים — עס וועלען זיך ציהען צו איהם פעלקער... ושפט בין עמים רבים — און ער וועט משפט'ן צווישען פיעלע פעלקער... והוכיח לגויים עצומים — און ער וועט בעלעהרען די שטארקע נאציאנען... וכתתו חרבותם לאתים — און זיי וועלען צוברעכען זייערע שווערדען אויף אקער־אייזענס... וחניתותיהם למזמרות — און זייערע שפיזען אויף סערפעס... לא ישאו גוי אל גוי חרב... עס וועט ניט אויפהויבען איין פאלק אויף דעם אנדערן קיין שווערד... ולא ילמדו עוד מלחמה... און זיי וועלען מעהר ניט לערנען צו פיהרען קריעג...

וישבו איש תחת גפנו... און יעדער וועט זיצען אונטער זיין וויינשטאק, ותחת תאנתו — און אונטער זיין פייגענבוים... ואין מחריד און קיינער וועט ניט מאכען ציטערען...

כי כל העמים ילכו — וואלען זיך אלע פעלקער געהן... איש בשם אלוהיו — איטליכער אין דעם נאמען פון זיין גאט... ואנחנו נלך בשם ה' אלוהינו — און מיר וועלען געהן אין דעם נאמען פון גאט, אונזער האר...

אי, ווי עס קלינגען מיר די ווערטער, ווי זיי שטעהען מיר פאר די אויגען, ווי זיי צוגיסען זיך איבער מיין הארץ, איבער אלע מיינע גליעדער, ווי א באלזאם, ווי א דערקוויקענעס...

איך לויף פון הדר. איך לויף מיט אלע אינגלעך א היים... ניין, איך וועל ניט געהן א היים, איך וויל ניט... איך וויל לויפען אהין, אין יענער שענער וועלט, א שפרונג טאן אין יענער וואונדער־צייט, ווען דאס וועט אלץ זיין, אלץ מקוים ווערען...

גוואַלד, ווי קומט מען אַהין, ווי דערלעבט מען דאָס?...

וכתתו חרבותיהם לאתים — און זיי וועלען צובּרעכען זייערע שווערדען אויף אַקער־אייזענס... לא ישאו גוי אל גוי חרב — עס וועט ניט אויפהויבּען אַ פֿאָלק אויף דעם אַנדערן קיין שווערד... וישבו איש תחת גפנו ותחת תאנתו — און יעדער וועט זיצען אונטער זיין ווייַן־שטאָק און אונטער זיין פֿייגען־בּוים...

דאָס האָבּען מיר היינט געלערענט אין חדר, אויפ'ן נייעם זמן, און די פּסוקים הערען ניט אויף צו זומען אין מיינע אויערען, צו שפּיעלען איבּער מיין קינדערשער נשמה, מיט זייער צויבּער־מוזיק, זיי שפּיעלען און ציהען, און קלעמען מיין האַרץ מיט אַ טיעפֿער, זיסער קלעמעניש...

גוואַלד... ווען וועט דאָס זיין?...

אין חדר האָט זיך מיר היינט ניט געוואָלט גייען, ווי איינעם ווילט זיך ניט גייען אין דער תּפֿיסה. דער לאַנגער, אָבּגעריבּענער טיש מיט די אַלטע הינקעדיגע בּיינקלעך, מיט דעם צובּער מיט דער ציעג, מיט דער בּורצלבע דער רעבּעצין, מיט איהרע שרויפֿען און פֿאַרקען, און דער רבּי אַליין מיט זיין צופּלינקע, מיט זיין לאַנגער מאָגערער צורה, פֿאַרשמאַלצעוואַטער יאַרמולקע, און וואַטאָווען, העלפֿט פֿאַרלאַטעטען, העלפֿט צעריסענעם קאַפּטיל — דאָס אַלץ האָבּ איך שוין פֿאַרגעסען אין די גרויסע בּין־הזמנים פֿון אַ וואָך פֿאַר ראש השנה בּיז אויף מאָרגען נאָך שמחת תּורה. און היינט, אַז איך האָבּ ווידער גע־דאַרפֿט אָנטאָהן דעם פֿוטעריל, געדאַרפֿט נעהמען דעם דריידעלנעם קו־כען מיט די „שאַטען־קעז", און דעם תּנ"ך, און די גמרא אונטער פּאַכווע — און גייען אין טורמע אַריין, אויף אַ נייעם קאָן, אויפ'ן גאַנצען ווינטער, מיט די לאַנגע נעכט — וואָלט מיר געווען ליעבּער צו גייען אין טייך אַריין.

דער רבּי האָט געוואוסט, וואָס אונזערע הערצער האָבּען גע־פֿיהלט בּיי דעם ערשטען קבּלת־פּנים אויפ'ן נייעם זמן. אפֿשר האָט ער אויך געפֿיהלט דאָס זעלבּע, ווער ווייס: עפּעס אַ קאַטאָוועס צו „האַקען האָלץ" מיט אַלצעהן „אַרעסטאַנטען", ווי די רבּי'צען האָט אונז געטיטעלט. איבּער'ן יום־טוב האָבּען זיינע בּיינער אויך אָפּ־גערוהט. ער איז גאָר אינגער און שענער געוואָרען. און איצטער איבּער־אַ־נייעס צו דער „קאַטאָרגע".

אָבּער היינט האָבּען מיר צו איהם גאָר נישט. צי האָט ער אויף אונז רחמנות געהאַט, האָט אונז געוואָלט „זאַהענטשען", צוגע־וואוינען בּיסלעך־ווייז, אָדער ער אַליין האָט זיך געפֿיהלט ניט בּכח אָנהויבּען גלייך פֿון תּוך; דאָס הייסט פֿון דער צופּלינקע, און דאָס

שווערען פרק אין „בבא בתרא“, האט געוואלט נאך אביסעל אויסרוהען, לאזען אבגעהן דאס הארץ — דאס ווייס איך ניט. נאר אז מיר זענען געקומען אסרו-חג אין חדר, האבען מיר כמעט אזוי ווי גאר ניט געלערענט. ווארום לערנען תנ"ך און בעזאנדערס, יענע פעטע קאפיטלעך, מיט דעם שענעם, טרויעריג-זיסען נגון, פון וועלכען אונזער הארץ האט אזוי געקלעמט און געקוואלען, — דאס איז ביי אונז געוועזען ניט קיין „ארבייט“, נאר ממש א פערגעניגען.

געהענדיג פון חדר — היינט איז געווען אויף א האלבען טאג — זענען מיר גאר איינגאנצען שלום געווארען מיט דעם רבי'ן און מיט דער רבי'צען און האבען געפיהלט אזוי ווי יום-טוב איז גאר קיין מאל ניט געוועזען. מיר זענען שוין געווען איינגעשפאנט.

אלע יום-טובדיגע קונדסים'דיגע מחשבות זענען מיט אמאל אזוי ווי אויסגעוועבט געווארען, און די שטארקע, בעגייסטערטע פסוקים האבען אריינגעבראכט אין קאפ נייע פאנטאזיעס, אבער ערנסטע, וואס זענען פערבונדען מיט ברענענדיגע פראגען פון לעבען, פון דער ווירקליכקייט, וועלכע האבען אונז אויך געארט, האטש אויף אונזער קינדערשען שטויגער.

דער טאג איז געווען א קיהלער, אבער ניט א קאלטער, איינער פון די קלארע, טרוקענע, אסיענדיגע טעג, ווען די בוימער שאקלען טרויעריג און פערקלערט זייער לעצטען זיי-געזונד, דעם פערשוואונדענעם זומער, און די שטראהלען פון דער זון האלובען די פערצווייפעלטע פאלענדע בלעטער, און טרייסטען זיי, און זעגענען זיך מיט זיי...

איך האב זיך געלאזען בלאנדזען אהיים, ווי מיין שטויגער איז געווען אין האלבע טעג, דורך זייטיגע, שטילע געסלעך, פערקראכען אין „טאטערשער עק“, ארום די גערטנער, און אין קאפ האבען ניט אויפגעהערט צו זומען די פסוקים: לא ישאו גוי אל גוי חרב — עס וועט ניט אויפהויבען איין פאלק אויף דעם אנדערן קיין שווערט... וישבו איש תחת גפנו ותחת תאנתו — און איטליכער וועט זיצען אונטער זיין ווינשטאק און אונטער זיין פייגענבוים... וכתתו חרבותם לאתים...

גאולה, ווען וועט דאס זיין?...

און בראדזשענדיג האב איך זיך דערמאהנט, אז שמחת תורה האט העניך דער שמש, נעהמענדיג ביין טאטען אין שוהל א שמעק-טאבאק, איהם געוויזען א פסוק פון דניאל, וואו עס איז בפירוש אנגעוואונקען, אז היינטיגען יאהר דארף דאס זיין, דארף קומען די גאולה...

און דער האַראָדנער מגיד האָט בפּירוש געזאָגט אין שול, שבת-תשובֿה, אַז אַלע טאָג קען קומען משיח, ווען אידען זאָלען זײַן גרייט...

יאָ, דאָס ווענדט זיך אָן אונז, אַז מיר זאָלען וועלען, אַז מיר זאָלען זײַן גרייט... טו וואָס שווײַגט מען?... גוואַלד, וואָס שווײַגט מען?...

פֿאַר וואָס זענען זיי היינט ניטאָ, די נבֿיאים? האָב איך זיך געפֿרעגט. פֿאַר וואָס שווײַגען זיי?..

אפֿשר קען אין הײַנטיגע דורות קיין נבֿיא ניט זײַן? האָט דאָך דער רבי געזאָגט „יפֿתּח בדורו כשמואל בדורו" — יפֿתּח אין זײַן דור איז אַזוי ווי שמואל אין זײַן דור. אין איטליכען דור קען זײַן אַ נבֿיא.

און משה רבינו האָט געזאָגט: ומי יתן והיה כל עם ה׳ נבֿיאים — הלוואי וואָלטען אַלע אידען געווען נבֿיאים.

איז דאָך אַראַיה, אַז יעדער איד קען זײַן אַ נבֿיא, קען אַראָפּברענגען משיחן, ווען ער זאָל נאָר זײַן גרייט...

און פֿאַר וואָס זאָל איך ניט קענען זײַן קיין נבֿיא? האָב איך געקלערט; מען דאַרף זיך נאָר מכין זײַן, זײַן אַ ערליכער איד.

לא ישא גוי אל גוי חרב — האָט מיר ווידער אָנגעהויבען צו זוממען אין די אויערען — און פּלוצלונג האָט מיר געגעבען אַ ליאַק אין האַרצען.

ווי אַזוי קען איך זײַן אַ נבֿיא, האָב איך געקלערט, אַז איך אַליין האָב געפֿירט מלחמה; טאַקע נעכטען, שמחת תורה האָבען מיר געהאַט אַ גאַנצע באַטאַליע מיט חוואָדקע קוראַליעס, באַטרעמיי דעם סאַלניקס און זייער גאַנצער באַנדע. מיר האָבען זיך געשלאָגען מיט לאַפּקעס סכּך. איך בין געווען דער קיסר און מיר האָט שטאַרק הנאה געטהאָן, וואָס אונזערע האָבען גובֿר געווען.

פֿאַר וואָס האָבען מיר זיך געשלאָגען? חוואָדקע האָט מיר געוויזען, ווי זײַן שטיגער, אַ צוויי-פֿינגערדיגע פֿײַג און געטיצעט אין פּנים אַרײַן, צווינגענדיג:

זשיד, זשיד — סווינאַ אוכאַ,
טראַסקאַדוכאַ
האָפּ, האָפּ,
טשאָרט טע האָפּ!...*)

---

*) דאָס וואָרט „טראַסקאַדוכע" האָט באַמערקט ווי זײַן מנהג איז געווען, אײַנגעלקעמט בײַ אונזער חברה. דער ערפֿינדער דערפֿון — האָט מען געגעבענט —

איז דאָס מיר גרייליך ניט אָנגעשטאַנען. איך האָב צונויפגערופען די „יאַטען“ און מיר זענען אַרויס אויף מלחמה. עס איז געווען אַ הייסע שטיקעל אַרבייט, אין לסוף האָבען מיר מנצח געווען. אין דער מלחמה האָט זיך אויסגעצייכענט דאָניע הוואָליע די גראָבע׳ס. דערפאַר האָט מען איהם געמאַכט רייטען אויף אַ קעניגליכען פערד, דאָס הייסט אויף אַ לאַנגע קאָצערע; איך האָב אַראָבגענומען פון מיין האַנד דעם טבעת המלך, דעם קעניגליכען רינג, דאָס הייסט דעם גרינעם רינגעלע פון לולב, און האָב, בכבודי ובעצמי, איהם אָנגעטהאָן דעם רינג אויף זיין מיטעלסטען פינגער. „בולקע“, דער שני למלך, האָט אַראָבגענומען פון זיך זיין קייט, וואָס איז בעשטאַנען פון יאַלאָווע שישקעס אָנגעצויגען אויף אַ שטריקעל און איין שליפּרע — אָן אָבגעשלאָגענע הושענה אַרומגעפלאָכטען מיט לולב; מען האָט דאָס אַלץ אָנגעשטעקט דאָניען מיט גרויס פּאַראַד און מען האָט איהם געפיהרט איבער די גאַסען אויף דעם „קעניגליכען פערד“ און געשריען פאַר איהם: ככה יעשה לאיש — אַזוי ווערט געטאָן דעם מאַן, אשר המלך חפץ ביקרו — וואָס דער קעניג וויל איהם אָנטהאָן כבוד.

איך האָב זיך דאָס אַלץ דערמאָהנט און האָב געפיהלט ביי מיר אין האַרצען אַ גרויסען חטא. סטייטש, שמחת תורה דאַרף זיך אַ איד פרעהען מיט דער תורה און מיר האָבען זיך געפרייט מיט „תרועת מלחמה“ — דעם טרומייטער פון מלחמה. עס שטעהט: ותנו כבוד לתורה — גיט כבוד צו דער תורה, און מיר האָבען, אַזוי ווי דער רשע אחשורש, געגעבען כבוד דאָניע הוואָליע די גראָבעס, און פאַר וואָס? פאַר וואָס ער האָט צוקוואַשעט הוואָדקע קוראַליעשין דעם נאָז... ווי קען גאָר קומען משיח, ווי קען מקוים ווערען דעם נביא׳ס רייד, אַז מיר טוען אַזעלכע זינד. אמת: כוואָדקע און באָטרעמיי האָבען ניט איין מאָל אונז געקלאַפּט און טאַקע גאָר אומזיסט,

---

איז געווען „בולקע“. „קאָפּ טשעביע טראַסקאַדולכע!“ איז געווען זיין געוועהנליכער אויסגעשריי מיט וועלכען ער פלעגט זיך אַ וואָרף טאָהן אין מלחמה אויפ׳ן שונא. וואָס דאָס וואָרט „בעטייט“ ווייס איך עד היום ניט. אַ „יש אומרים“, אַנדערע ווילען האָבען אַז דאָס איז אַ מין „שעמנד“, אַ געמישעכטס פון גויאיש און לשון קדש און איז צונויפגעשטעלט פון צוויי ווערטער: „טראַסצאַ“ זין „קדחת“. נאָר איך גלויב ניט אַז בולקע זאָל קענען אַזוי קונציג צונויפשטעלען ווערטער פון פערשידענע לשונות. ביי מיר איז אפילו נאָך דאַמאָלסט געווען אַ ספק צו איז דאָס ווינע, וואָרום בולקע איז געווען מעהר בריה מיט׳ן בויך ווי מיט׳ן קאָפּ.

אין נעכטען האָט ער זיך אויך געטשעפּעט גאָר אומזיסט. אָבער דערפֿאַר איז ער דאָך אַ גוי, אַ גראָבע קאָפּ, און מיר האָבען אַ תּורה. מיר דאַרפֿען זײַן בעסער. אַז מיר װאָלטען איהם, לוֹאָרקען, װײַזען מאַראַ גוטע זאַכען בײַ אונז אין ת"נך שטעהט אויף גוים, װאָלט ער געװיס מיט אונז שלום געמאַכט, און מיר װאָלטען שפּיעלען אין אײנעם און געלעבט װי גוטע חברים.

און דאָס האַרץ איז מיר אויסגעגאַנגען נאָך לוֹאָרקען. איך בין אַװעקגעלאָפען אַהײם און האָב גע'גנבֿ'עט בײַ דער מאַמען אַ המוציא חלה, װאָס איז געבליבען פֿון יום טוב, אַרײַנגערוקט שטילערהײט אין קעשענע, אַװעק צו פּושינאָװעשטיכע, דער משוגענע־פּריצטעס הויף, געשטעלט זיך אויפ'ן פּאַרקאַן: טאָמער װעל איך דאַרטען דערזעהן לוֹאָרקען. אַ װאָס: ער װעט מיר װײַזען אַ הױדישען עװער, װי זײַן שטײַגער, װעל איך איהם װײַזען די המוציא חלה — אַ צײכען פֿון שלום, און דאָ װעלען מיר מסתּמא װערען באַלד גוטע פֿרײַנד. איך װעל איהם דערצעהלען, װאָס איך האָב הײַנט געלערענט, און ער װעט דערצעהלען באַטרעמיען, און אַלע שקצים, און מיר װעלען זײַן אַלע חבר... אַי װי גוט, דאָס װעט זײַן...

נאָר לוֹאָרקע איז ניט געװען. עס האָט געגעבען אַ סקריפּ אַ טהיר און פּלוצלונג האָט זיך געלאָזט הערען דאָס משוגענער בײלען פֿון „פּאַן טשיהאַן", דאָס איז פּושינאָװשטשיכעס גרױסער הונד אויפ'ן קײט *) דער הונד האָט זיך אַ װאָרף געטהאָן גלײַך צום פּאַרקאַן. איך בין אַראָבגעשפּרונגען ניט טויט, ניט לעבעדיג, און האָב זיך געלאָזען לױפען אַהײם. שטעהענדיג שוין נעבען אונזער טויער האָב איך געװאָרפען אַ „סאָצע" אויף פּושינאָװשטשיכעס פֿערטיל און אַליין געװאַרט אויף לוֹאָרקען.

די פֿערטיל האָט זיך געעפֿענט. נאָר לוֹאָרקע איז ניט אַרויס; עס איז גאָר אַרויס אַ הויכער פּריץ שען אָנגעטאָן, מיט אַ יונגער פּאַנענקע אונטערן האַנד. דער פּריץ האָט זיך אַרומגעקוקט, אַזױ װי ער װאָלט עמיצען געזוכט. נאָר אױפ'ן ברעג, איז דאַמאָלסט קײַן נפֿש ניט געװען. ער האָט מיך דערזעהן און האָט צו מיר אַ מאַך געטהאָן מיט'ן פֿינגער און געזאָגט עפּעס אויף רוסיש, װאָס איך האָב ניט זעהר גוט פֿערשטאַנען.

*) „טשיהאַן" האָט איהם אַ נאָמען געגעבען לײַזקע פּואַץ, װײַל ער (דער הונד הײסט דאָס און ניט לײַזקע) פּלעגט אַנדערש ניט װערען שטיל װאו די משוגענע פּריצטע האָט איהם ניט אַ גלעט געטהאָן און געזאָגט דרײמאָהל: טשיהאַ, טשיהאַ, טשיהאַ.

לכתּחילה האָב איך זיך דערשראָקען. מיר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס האָט איהם כוואָדקע אויף מיר אָנגעמסר׳ט און ער וויל מיך נעהמען אין מטשאַסט פֿאַר „נעלכטיגע״. נאָר אַז די שענע פֿאַ־נעטקע, בעמערקענדיג הפּנים מיין דערשראָקענעם פּנים, האָט זיך פֿאַרנאַנדערגעלאַכט, איז מיר אָבגעגאַנגען מיין שרעק און איך בין דרייסט צוגעגאַנגען צו איהם און געפֿרעגט אויף געבראָכענע, נע טאָ רוסיש, נע טאָ גויאיש: וואָס ער פֿערלאַנגט.

ער האָט מיר איבערגע׳חזר׳ט נאָך אַמאָל און דאָ האָב איך פֿערשטאַנען אַז ער מיינט איך זאָל איהם ברייננען אַ רעמיזשע פֿון הויכען מאַרק פֿאַר איהם מיט דער פּאַניענקע.

— „שיטשאַס!״ האָב איך געענטפֿערט און האָב זיך געלאָזט לויפֿען פּענדאָס אויפ׳ן לאַזעס בריק און צום הויכען מאַרק, וואו עס זענען געשטאַנען די רעמיזשעס. איך בין געלאָפֿען און די האַרץ האָט מיר געקוואָלען פֿאַר שמחה. איצטער וועט ער, וועלען זיי וויסען, נישט קשה... זיי מיינען, אַז מיר אידען זענען זייער שונאים, ניין! אַ גוט וואָרט וועלען מיר אַלץ טאָן, מיר ווילען קיין מלחמה ניט... נאָר טשעפּעט אונז ניט... אַלע זאָלען זיין חבֿרים: איך און כוואָדקע און דער פּריץ און די פּאַניענקע... לא ישא גוי אל גוי חרב—עס זאָל ניט אויפֿהויבען איין פֿאָלק אויף דעם אַנדערן קיין שווערד... אַי, אַז איך וואָלט איהם קענען דערצעהלען וואָס דאָרטען שטעהט געשריבען אין אונזער תּנך...

און איך בין געוועזן העכסט גליקליך, וואָס איצטער האָב איך זיי געקענט ווייזען וואָס אַ איד איז... און זאָלען זיי וויסען...

בעת איך בין געפֿאָהרען צוריק אויף דער רעמיזשע בין איך געוועזן אין זיבענטען הימעל. איך האָב ממש געפֿיהלט אָט יענע שענע, יענע גילדענע צייט, וואָס אויף איהר האָט נבֿיאות געזאָגט דער נבֿיא מיכה. אַי, ווי גוט עס איז געוועזן צו פֿאָהרען אויף דער רעמיזשע... דעם ערשטען מאָל אויף מיין לעבען בין איך געפֿאָהרען אויף אַ רעמיזשע... ניט בגנבֿה, הינטער די רעסאָרען, ווי דער שטייגער איז געוועזן תּמיד פֿון אונזער חבֿרה, נאָר אינעווייניג, מעשה פּריץ.

די רעמיזשע האָט זיך געוויגט, געוויגט אויף די רעסאָרען, און איך האָב זיך געהויבען, געהויבען... און מיר האָט זיך געדאַכט אַז איך בין דאָרטען אין דער הויך צווישען די זילבערנע ווייסענקע טייבעלעך וואָס האָבען פֿערשאָטען דעם גאַנצען הימעל פֿון אַלע זייטען און האָבען דאַכט זיך אַזוי ליעבליך, אַזוי האַרציג געוואונקען צו מיר, געוואָלט מיר אַרויפֿכאַפּען אויף זייערע פֿליגלען און פֿליהען מיט מיר ווייט, ווייט... אַהין... אַהין...

איך בין געוועזען שמאָליק און גליקליך: מיר האָט זיך געדאַכט אַז איך בין שוין אַ נביא און די צייט איז געקומען, יענע שענע גאָלדענע צייט,—ווען אַלע העלען זיין שלום—אידען און גוים, יאַטען און שקצים, קיינער וועט זיך ניט שלאָגען, קיינער וועט זיך ניט רייסען—לא ישא גוי אל גוי חרב...

דעם אמת זאָגענדיג האָט זיך מיר פון דער רעמיזשע זעהר ניט געוואָלט אַראָבגעהן און איך וואָלט געוועזען אַ שטאַרקער בעלן צו פאָהרען און פאָהרען גאָר אָהן אַ סוף. נאָר דער רעמיזשניק האָט דערזעהען דעם פריץ מיט דער פאַניענקע האָט ער זיך אָבגעשטעלט נעבען זיי, און דאָס האָט געהייסען אַזוי ווי: פעקעלע—זיי מוחל—פאַראַן בילכערע...

זיי זענען ביידע אַריין אין דער רעמיזשע; דאַן האָט זיך דער פריץ צוגעבויגען צו מיר און דערלאַנגט מיר אַ צעהנער.

איך קען אייך ניט מאָלען ווי איך האָב מיך דאַמאָלסט געפיהלט בעליידיגט. דער פריץ האָט ביי מיר פלוצלונג אָנגעוואָרען דעם גאַנצען חן אין די אויגען. סטייטש! האָב איך דאָס געטאָהן צוליעב געלד? איך האָב דאָך געוואָלט מאַכען שלום, ווייזען איהם, אַז אַ זשידאָק, נישט קשה, איז אויך אַ מענש, האָט אויך אַ האַרץ און איך האָב געמיינט, אַז ער קלערט אויך אַזוי, וויל אויך מאַכען שלום און לסוף... אַ צעהנער גיט ער מיר, אַזוי ווי קיבקע טאַרבאַץ'ס טאַטע.

קיבקע טאַרבאַץ'ס טאַטע האָט געדיענט אין אַן איינפאָהר הויז און האָט זיך געריבען אַרום פריצים. מען האָט איהם גערופען האַטשע; נאָר אַלע האָבען איהם גערופען האַטשערוק דער פאַקטער און די שכנים האָבען זיך מיט איהם וועניג געקנעפעלט. איך האָב ניט געוואוסט וואָס פאַקטער בעדייט, נאָר איך האָב פערשטאַנען, אַז דאָס האָט אַ שייכות צו זיין רייבען זיך אַרום פריצים און אַז פאַקטער איז מסתמא עפּעס אַ מיאוסע זאַך.

— נאַ שטאָ שוועט, קאַלי אַדושין דרוהאָמו דאָבראָ ניע זראָ=ביטש*),—האָב איך געזאָגט צום פריץ מיט אַ ברוגז,ער מינע און האָב אַ מאַך געטאָן מיט'ן קאָפּ און געוואָלט אַוועקגעהן.

די פאַניענקע האָט זיך צולאַכט און דער פריץ האָט אויך געשמייכעלט.

— בערי, דורען, פעטאַטשאָק**),—האָט ער מיר געטיצעט, האָט

---

*) וואָס טויג די וועלט, ווען איינער דעם אנדערען וועט קיין טובה ניט טהאָן.

**) נעהם, נאַר, דעם צעהנער.

מיך צוגעהאלטען פאר'ן האנד און געוואלט אריינשפארען דעם צעהנער מיר אין קעשענע.

נאר איך האב בשום אופן ניט געוואלט נעהמען און בין אוועק ברוגז אהיים.

אין שטוב בין איך פון דעסטוועגען ניט אריין. איך בין געשטאנען אונטער'ן טויער פון אינוועניג און האב זיי נאכ=„געסאצעט" דורך א שפאלט ווי זיי זענען אוועקגעפאהרען. זיי זענען געפאהרען לאנגזאם ער האט זיך אלע ווייל'ע אבגעקעהרט און געוואלט מיך מיט די אויגען. ענדליך האט ער א וואָרף געטהאן דעם צעהנער און די רעמיזשע האט זיך פארקירעוועט און איז פערשוואונדען געווארען.

ביי מיר איז געוועזן א גרויסער ישוב הדעת: צי זאל איך אויפהויבען דעם צעהנער, צי ניט. דער יצר הרע האט זיך געראנגעלט מיט'ן יצר טוב. דער יצר טוב האט געטענה'ט: „נעהם ניט, דו וועסט זיין אזוי ווי קיבקע טארבאץ'ס טאטע". דער יצר הרע האט איינגערעדט: „נעהם נארעלע, מען מאג, אז ניט וועט אנאנדער צונעהמען... ער איז א רייכער פריץ, ער האט נאך און דו ביזט אן ארימער אינגעל". און אז ער האט געזעהען אז עס העלפט ניט, האט ער מיר פארגעשטעלט פאר די אויגען עפעס א זאך וואס דאס איז געוועזן מיין אידעאל, מיין שענסטער הדרי'שער טרוים נאך פון פאראיאהרען ווינטער אן.

ער האט מיר געשטעלט פאר די אויגען א בלעכערנע לאנטערנע, פונקט אזוי ווי בענטשע חיים דעם שיינקער'ס מיט רייניגקע שייבעלעך און אויבען מיט א דעכעלע, פון איין זייט מיט א טירעלע און מיט א פיינע אויסגעצאצקעטע הענטעלע, און... דער יצר הרע האט גובר געווען: איך האב אויפגעהויבען דעם צעהנער.

אויף מארגען בין איך געקומען אין חדר מיט מיין נייער בלעכענער לאנטערנע. האטש ביז ראש חדש האבען מיר נאך ניט געלערנט פאר פייער, און מיר פלעגען אוועק געהן פון חדר נאך ליכטיגלעך, נאר ווי אזוי האב איך געקענט זי לאזען אין דער היים און ניט ווייזען חברה? בענטשע חיים דעם שיינקערס האט שוין ניט געהאלטען אזוי פאררייסען דעם נאז און איך האב צוליעב איהר, צוליעב דער לאנטערנע, זוכה געווען צו פערבלייבען קיסר ביז דעם אנדערן ראש חדש.

„עוג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן.“

— העי, יאַטען! מיר דאַרפֿען ניט געהן אויף די פּלשתּים!
— האָט אויסגעשריען אָרעלע מאָשע דעם קעסלערס, אַ װאָס מיט זײַן קירצערן נאָמען „אָרעלע קעשענעק“, מיט אַ מינע פֿון אַ „סטראַטעגיקער“ פֿון אַ גרויסען ספּעציאַליסט אין פֿיהרען מלחמה.

— װאָס איז? פֿאַר װאָס ניט אויף די פּלשתּים? האָבען זיך געלאָזט הערען קולות פֿון אַלע זײַטען.

— פֿאַר װאָס ניט אויף די פּלשתּים? האָט איבערגעמישט מיט אַ פֿערקרימטע צורה „אָרעלע קעשענעק“, פֿאַר װאָס ניט? װאָרום איהר זײַט גוים. װאָס, איהר װייסט ניט, אַז פֿריהער דאַרף מען זיך שלאָגען מיט עוג מלך הבשן? אַװי װי משה רבנו?... גוים!

אַלע יונגלעך האָבען אויסגעשטעלט די אויגען און אַראָבגעלאָזען די נעזער, מבויש׳דיג. אָרעלע קעשענעק איז געװען גערעכט. מ׳האָט איהם ניט געהאַט װאָס צו ענטפֿערען. צװישען דער חברה איז געװען גרעסערע למדנים, װי אָרעלע קעשענעק. אַפֿילו בולקע און פּיזאַץ האָבען געקענט בעסער לערנען פֿאַר איהם. און מ׳האָט פֿערזעהען אַזאַ פּשוט׳ע זאַך.

— ער איז גערעכט! אָרעלע איז גערעכט, יאַטען! האָט זיך געלאָזט הערען פֿון אַלע זײַטען. „דאַװאַי נאַ װאַינאַ“, מיט עוג מלך הבשן!

— דאַװאַי!

— האַידאַ! הוידאַ! רעביאַטאַ!

— דאַװאַי!

נאָר דאָ האָט מען זיך אַרומגעזעהען אַז עוג מלך הבשן איז נאָך ניטאָ, דאָס הייסט: מי װייס נאָך ניט, װאו און װער איז עוג מלך הבשן.

— העי רעביאַטאַ, איך בין עוג מלך הבשן! האָט אויסגעשריען קירבעס.

— ניין, איך, האָט איהם איבערגעשלאָגען בולקע.

— דו? בילאַץ!

— דו? קירבאַץ!

עס האָט געהאַלטען בײַ אַ געשלעג, נאָר מאָשינקע הוואָליעס האָט אַ האַסיל געטאָן: שאַ! לאָמיר וואַרפען גורל.

— אַוועק די „הוואָלקע"! האָט אויסגעשריען פינעלע בײַסט־רוק. קיינער וועט ניט זיין עוג מלך הבשן. איך וועל איהם אַליין בעשאַפען.

חברה האָט צושטעלט אויגען.

— וואָס? ווי אַזוי? וואָס באָלבעט ער?

— איהר וועט זעהן! רופט זיך אָפּ פינעלע. העי, יאָשקע, —האָט ער אַ געשריי געטאָן צו זיין איינגערן ברודערל, גיה, לויף, ברינג אַהער אונזער פאָמעלע, מיט דער לאָפּעטע און שלעפּ אַרויס אַרויס דעם שטעקען פון בעזים און ברינג אַהער.

יאָשקע איז אַוועק ברינגען און פינעלע האָט זיך געווענדעט צו אונז:

— גוים! מאַכט ער — האָט איהר פערגעסען? ווייסט איהר ניט אַז עוג מלך הבשן איז געווען גרעסער פאַר דער „באַשניע"? אַז משה רבנו איז געווען די הויך צעהן איילען און האָט געהאַט אַ שווערד פון צעהן איילען און איז נאָך אונטערגעשפרונגען צעהן איילען, האָט ער קוים דערלאַנגט עוג מלך הבשן אין קנעכיל, וואָס לעבען פיאַטע.

פינעלע איז געווען גערעכט. דער רבי האָט אונז טאַקע דער־צעהלט די דאָזיגע מעשה מיט „עוג מלך הבשן".

— טו ווי וועט זיין? האָט מען געפרעגט.

— ווי וועט זיין? האָט פינעלע בײַסטרוק איבערגעפרעגט. מיר וועלען מאַכען אַזאַ „עוג מלך הבשן" פון דער לאָפּעטע מיט דער פאָ־מעלע. נאָר איהר זאָלט מיר העלפען. איהר'ט שוין באַלד זעהן.

יאָשקע האָט געבראַכט די מאַטעריאַל, פון וועלכע פינעלע האָט זיך גענומען מאַכען „עוג מלך הבשן". ער האָט אַראָפּגענומען די שטריקעל פון די פלודערן און האָט, ראשית דבר, צוגעבונדען די פאָמעלע צו דער לאָפּעטע בײַ די עקען. דאַן האָט ער געהייסען חברה זאָל אויפהויבען די לאָפּעטע־פאָמעלע און אַוועקשטעלען אויף דער ערד.

— אָט אַזוי הויך וועט זיין עוג מלך הבשן, זעהט איהר, יאַטען?

חברה האָט נאָך ניט פערשטאַנען וואָס פינעלע מיינט. נאָר

קירבעס און בולקע האָבען אַ קוק געטאָן אויפ'ן שטאַנג, האָבען זיי זיך אַליין פערשעמט. אַנטקעגען אַזאַ גרויסען עוג מלך הבשן זענען זיי געווען טאַקע אמת'ע „פּיזשיקעס“.

— איצטער קומט אַהער, יאַטען, העלפט מיר, לאָמיר מאַכען פריהער די הענד, — האָט זיך אָבגערופען פּינעלע.

ער האָט צוגענומען פון קירבעס פלודערן די שטריקעלע און האָט צוגעבונדען דעם בוים־שטעקען אונטער דער פּאָטעליע ווי אַ צלם. דערנאָך האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: הײַ, יאַטען, ברענגט צו'אַלטע קאַפּאָטע, דעם טאַטענס קאַפּאָטע, ווער האָט, און עטליכע אָניצעס און אַ יאַרמולקע און אַ מאַטשײַלקע.

— איך האָב! איך האָב! האָט זיך געלאָזט הערען פון אַלע זײַטען.

חברה איז באַלד צולאָפען, איטליכער אַהיים, און האָט צונויפגעבראַכט כל טוב: ווער אַ קאַפּאָטע, ווער אַ קאַפּטיל, אַ צוריסענעם, ווער אַ וואַטופּקע, ווער אַ פּאָר פלודערן. דער עולם האָט זיך ערשט איצטער געכאַפּט וואָס פּינעלע מיינט, און איז געווען שטאַרק צופרידען. די היץ צו מלחמה איז, ווי עס האָט געשײַנט, איבערגעגאַנגען אין אַ שטאַרקען חשק צו קונצט. דער עולם האָט זיך גענומען מתעסק זײַן, קאָכענדיג, אין באַקליידען עוג מלך הבשן. איטליכער האָט זיך געמיהט האָבען אַ חלק אין דער „בריאה“, אַ פּאָרקע טאָן מיט אַ פינגער, געבען אַן עצה, גלאַט טומלען און זאָגען אַ דעה. מען האָט אָנגעטראָגען שמאַטעס פון כל טוב, וואָס ביי איטליכען האָט זיך נאָר פערוואַלגערט אונטערן בעט, אָדער צווישען אויוען. נאָך אַ שעה שווערע האָרעוואַניע איז עוג מלך הבשן געווען פערטיג, פאַרלויפּיג, פערשטעלט זיך אין אַ ליגענדיגער פּאָזע. אויפהויבען איהם האָט מען ניט געקענט אַזוי פשוט, מ'האָט געדאַרפט האָבען גרויסע הכנות און אַ הויכע זאַך אויף וואָס צו שטעלען זיך.

דערווײַל איז געוואָרען שפּעט אין אָבענד. אויפ'ן ברעג איז געוואָרען שטיל און דונקעל. מ'האָט קיין נפש ניט געזעהען אויסער אונזער חברה. פון דעסטוועגען איז מען געווען ניט גאָר רוהיג. דער רוח האָט געקענט אָנטראָגען אַ „ולאָב“ פון אויבען, פון מאַטקע פּאַוועלס געסילקע. עס איז געבליבען מ'זאָל שטעלען „לוגער“ אויבען אויפ'ן ראָג אין דעם אײַנגאַנג פון דער געסילקע זיי זאָלען „סאָצען“ צו עס „הולד'ט“ דער „ולאָב“, און די איבעריגע האָבען זיך גענומען צו דער אַרבײַט.

מען האָט אויסגעגראָבען אַ גרוב אין מיטען ברעג. בולקע האָט געבראַכט אַ טישעל, קירבעס אַ סטענדער אויף צו שטעלען זיך דערויף.

מ'האט אויפגעשטעלט דעם „גבור" מיט גרויס פאראד און א הורא! ער איז געשטאנען, עוג מלך הבשן, אין מיין טאטענס ווינטערדיגע קוצמע און „פאה-קאפאטקעס" טאטענס אלטער קאפאטע, אין וועלכער ער פלעגט גיין אין מרחץ; אונטען האט ער געקראגען בולקעס מאמעס וואטופקע, ארומגעבונדען מיט דער שווארצער אניצע, וואס קארנאצ'ס מאמע פלעגט פערקלעפען מיט איהר פריטאג דעם אויוון. א באָרד האט ער געהאט פון דער מאטשאלע וואס אָרעלע קעשענקעס מאמע האט זיך דערמיט יאהרען לאנג געוואשען אין באד און זיינע צוויי שוויץ-בעזימער האבען געדיענט פאר הענד. אינגאנצען האט אויסגעזעהען עוג מלך הבשן נע טאָ ווי פיאטער דער ערשטער אויף זיין פערד, אין פעטערבורג אויפ'ן מאנומענט, נע טאָ ווי דער „רשע" אין די אלטע הגדות, אָדער המן אין די פאפירענע מגילות.

און וואס אונזער חבֿרה האט געפיהלט א קוק טאָנדיג אויף זייערע „מעשה ידים", ווי די אויגען זייערע האבען געבלישטשעט, ווי די הערצער האבען זיך געהויבען און געקוואלען פון שמחה — דאס לאזט זיך ניט בעשרייבען מיט א מענשליכע פעדער. דאס וואס מיר האָבען געפיהלט דאמאלסט האט וואהרשיינליך געפיהלט גאט בשעת ער האט געהאט בעשאפען זיין וועלטעל און האט צום ערשטען מאל א קוק געטהאן אויף איהר; דאס קען פיהלען און בעגרייפען נאר די נשמה פון א קינסטלער.

וואס טוט מען איצטער? האט געפרעגט פאה-קאפאטקע.

— גוי, דו ווייסט ניט, וואס טוט מען, האט אויסגעשריען מיט א בייזער בולקע, היי, יאטען! צושטעלט זיך אין צוויי מחנות. איינע וועט זיין די גוים און עוג מלך הבשן זייער קיסר, און די אנדערע — די אידען מיט משה'ן, איך וועל זיין משה; איך וועל איהם אייננעהמען, עוג מלך הבשן מיט זיין גאנצע קאמפאניע.

דער פלאן איז געפעלען געווען. אָבער בולקעס העזה, וואס ער האט געוואלט ארייננכאפען די ממשלה איבער א נייעס נאך זיין מאוסער מפלה פון די „עמלקים" און נאך דער „בלעמ'ס ברכה", וואס ער האט געגעבען די מרגלים, וועלכע מיר האבען ערשט ניט לאנג געשיקט אויסזעהן ארץ ישראל, (און וואס האט אָנגעמאכט מיט א טאג פריהער א מוראדיגע רעוואלוציע אין אונזער מהנה) -- דאס אלעס האט אונז שרעקליך אויפגערייצט.

— בולקע אין דר'ערד! קירבעס זאל זיין קיסר — האט זיך געלאזט הערען א געשריי.

— פוזאץ זאל זיין קיסר איבער א נייעס!

— ניין! פינעלע, פינעלע ביסטרוק, ער האט אויסגעקלעהרט עוג מלך הבשן, פינעלע זאל זיין קיסר!

עס איז געווארען א טומעל, א יריד, א האמפעריי.

ענדליך האבען אלע פערשטאנען, אז דאס איז א יושר, אז היינטיגען מאל זאל פינעלע זיין קיסר. ווארום ער האט דאס כשר פערדיענט.

מ'האט זיך צוטיילט אין צוויי מחנות. נאר דער עולם איז געוועזען אזוי מיעד, אז שלאגען זיך האט מען שוין ניט געקענט. דערצו איז שוין געוועזען פינסטער: צו שפעט.

דא איז געווארען א הארבע קשיא מיט עוג מלך הבשן: וואו טוט מען איהם אהין, אזא ריעז! צונעהמען איהם ערגעץ אויף א הויף איז סכנות; לאזען איהם אליין אויפ'ן גאס איז נאך מעהר געפאהר.

עס איז געבליבען: מ'זאל אויפשטעהן מארגען פריה, גאנץ פריה, און פיהרען די מלחמה פאר'ן חדר מיט עוג מלך הבשן און נאכן חדר געהן אבנעהמען ארץ ישראל, איין מאל פאר אלע מאל.

פרייליך און פעסט אין דיעזער האפנונג האבען מיר געלאזען עוג מלך הבשן, ער זאל היטען דאס פעלד ביז מארגען גאנץ פריה, און אליין זענען מיר צוגאנגען — יעדערער א היים.

געשלאפען האבען מיר יענע נאכט זעהר געשמאק, ווייל מיר האבען זיך גוט אנגעהארעוועט. מיר האבען געהאט די שענסטע חלומות, וואס קען נאר געבען אין אזוינע יאהרען ווי מיר זענען דאמאלסט געוועזען. ארץ ישראל איז שוין געוועזען ביי אונז אין די הענד. די פלשתים און די עמלקים און די בייזע חיות האבען מיר שוין לאנג ארויסגעטריבען. מיר קריכען אויף די בוימער, אין די קוסטעס און פאקען אן פולע מיילער און פולע קעשענעס מיט וויינטרויבען, איילבערטען, טייטלען און באקסער, דאס הייסט ראבינעס, קארשען, מאלינעס, אגרעסען ככל אות נפשנו, ווי אונזער הארץ געלוסט. די „זלאבעס“ טראגען ביי אונז וואסער, און שבת נעהמען זיי אראב די לייכטער פאר א „המוציא“ חלה. אין חדר געהט מען א גאנצע וואך אויף האלבע טעג...

נאר מאלע וואס עס האט זיך געחלומט. שען איז געוועזען דער חלום פון יענער נאכט. אבער...

שרעקליך איז געוועזען דער אויפכאפען זיך. טרויעריג איז געוועזען יענער פרייטאג, פיליכט דער טרויעריגסטער פרייטאג אין אונזער חדר'שען לעבען.

זאל איך אייך דערצעהלען?

שווער איז מיר צו בעשרייבען וואס ווייטער איז געוועזען. אבער

פֿיהרענדיג דעם הדר'שען פּנקס טרײַ, מוז איך דערשרײַבען דעם דאָזיגען בלעטעל ביז'ן סוף.

איך וועל דאָס מאַכען בקצור.

אויף מאָרגען האָט מען קײַן מלחמה ניט געפֿיהרט, ניט מיט „עוג מלך הבשן, ניט מיט די פּלשתים.

„עוג מלך הבשן" איז שוין אויף דער וועלט ניט געוועזען.

און דאָס וואָלט נאָך געוועזען אַ האַלבע צרה. אָבער מיט איהם זענען פֿערשוואונדען: מײַן טאַטענס ווינטערדיגע קוצמע, פּאה־קאַפּאָטקעס טאַטענס אַלטע מרחץ־קאַפּאָטע, בולקעס מאַמעס וואַטופּקע, קאַרנאַ'ק'ס מאַמעס שוואַרצע אָניצע מיט וועלכער זי פֿלעגט פֿער'הת'מענען דעם טשאָלענט, די מאַטשאַלע מיט די מרחץ־בעזימער, מיט דער פּאָמעלע, מיט דער לאָפּעטע...

און מאָרגען איז געוועזען פֿרײַטאָג... מ'האָט געדאַרפֿט באַקען חלה, מ'האָט געדאַרפֿט געהן אין מרחץ און דאָ איז ניטאָ קײַן לאָפּעטע, ניטאָ קײַן אָניצע, ניטאָ קײַן בעזים...

„עוג מלך הבשן" איז אַרײַנגעפֿאַלען צו די „זלאָבעס". מ'האָט איהם צוגענומען אין „טשאַסט" בײַ נאַכט, בשעת דער קוואַרטאַלנער איז געגאַנגען מיט די דעסיאַטניקעס אויף דעם „אָבכאָד". אַקוראַט האָבען מיר ניט געוואוסט: צי מ'האָט איהם גענומען אין מלחמה, צי ער האָט זיך אַליין איבערגעגעבען.

דרײַ טעג: פֿרײַטאָג, שבת און זונטאָג האָט אויף אונז געציטערט די הויט. פֿרײַטאָג אין דער פֿריה, בשעת מיר האָבען נאָך געשלאָפֿען זענען די דעסיאַטניקעס אויסעגנגעווען אין אַלע אידישע הײַזער אויפ'ן ברעג און געפֿרעגט: וועמעס אַרבײַט „דאָס" איז? זיי האָבען געזאָגט, אַז זיי וועלען קומען נאָך אַ מאָל און מוזען דערגעהן די סקאַנדאַלניקעס, אַרײַנזעצען זיי אין „רעשאָטקע". צום גליק זענען זיי מעהר ניט געקומען. זיי האָבען הפּנים פֿערגעסען. אָבער מיר האָבען געציטערט.

הײַנט וואָס מיר האָבען געהאַט פֿון דער מאַמען און פֿון טאַטען פֿרײַטאָגדיגען טאָג, און זונטאָג פֿון רבין...

איך בין געוועזען אין דער גרעסטער געפֿאַהר. וואָרום מײַן טאַטענס ווינטערדיגע קוצמע איז בײַ איהם געוועזען די „אויג אין קאָפּ" נאָר מיך האָט געראַטעוועט אַ צופֿאַל: פֿרײַטאָג אין דער פֿריה איז אָנגעפֿאָהרען צו אונז אַ מוהמע פֿון ישוב און האָט געבראַכט אַ פּאָר גאַלעגוצקע היהנער, עטליכע „כּפּרות" און גאָמילקעס. עס איז בײַ אונז געוואָרען אין שטוב „ששון ושמחה" און מ'האָט אָן מיך פֿערגעסען.

אויף די „פּלשתּים!“.

אונזער עקספּעדיציע קיין ארץ ישׂראל האָט געהאַט אַ מפּלה. מיר זענען בײַ זיך אַראָבגעפֿאַלען אָבער אונזער מוטלאָזיגקײַט האָט געדויערט נאָר עטליכע טעג. אין גיכען איז אָנגעקומען ראש חודש אֶלול. ראש חודש איז אויף אַ האַלבען טאָג. די געדאַנקען וועגען חורבן זענען בײַ אונז נאָך ניט אין גאַנצען פֿערשוואונדען. די אידעע פֿון אָבנעהמען ארץ ישׂראל, וואָס דאָס איז בײַ אונז געווען אײן אויסרייד צו דעם עיקר צוועק פֿון אונזער עקספּעדיציע, צו רײַסען ראַבינעס, איז יעצט געוואָרען אַ הייליגע אויפֿגאַבע אַן און פֿיר זיך. עס איז געבליבען אַז מ'זאָל געהן פֿאָרט אײַננעהמען ארץ ישׂראל.

דאָ האָט זיך אַליין פֿון זיך אַרויסגעשטעלט די פֿראַגע: וואו זשע איז ארץ ישׂראל? דעם אידעשען גויים הויף האָט ניט געקאָנט זײַן ארץ ישׂראל, ווײַל דאָרטען זענען די „בייזע חיות“ צו פֿיעל און די „עמלקים“ צו שטאַרק, און כאָטש זיי ברויכען ניט קײַן געווער, אָבער אָבגעגאָסען ווערען מיט וואַסער איז אויך ניט געשמאַק... מיט דער קאַרטע פֿון אונזער ברעג זענען מיר געווען ניט שטאַרק בעקאַנט. אויף יענער זײַט בריק צו דער לינקער האַנד איז געווען אַ געסילקע, וועלכע האָט זיך גערופֿען „גאַניטשעס געסילקע“. דאָרטען זענען מיר קײַן מאָל ניט געווען, ווײַל זי איז געווען פֿול מיט שקצים און מיט הינד. אויף דער אַנדער זײַט, אויפֿ'ן סאַמע באַרג צו דער רעכטער האַנד, איז געווען „מאָטקע פֿאַוויל'ס“ געסילקע. זי האָט זיך אַזוי גערופֿען, ווײַל דאָרטען האָט געוואָהנט „מאָטקע פֿאַוויל'ס, אַ פּערזאָן וועלכע איז צוליעב זײַן האַלב אידעשען, האַלב גוי'אישען נאָמען (שפּעטער האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז מ'האָט איהם אַזוי גערופֿען, ווײַל ער האָט געהאַט אַ גע'שמד'טען ברודער פֿאַוועל) געווען אַרומגערינגעלט אין אונזער פֿאָרשטעלונג מיט סודי סודות. די דאָזיגע געסילקע איז פֿיר אונז געווען נאָך

אונבעקאַנטער און מוראָ'דיגער ווי גאַניטשעס געסילקע. מיר האָבען אַ לאַנגע צייט מורא געהאַט אַריינצושטעקען אַהין דעם נאָז. דרייַ מוראָ'דיגע זאַכען זענען דאָרטען געווען, פֿאַר וועלכע מיר האָבען זיך זעהר געשראָקען. ערשטענס איז געגאַנגען אַ קלאַנג, אַז מאָטקע פּאַווילס טויער איז צייטענווייז אָפֿען און די צוויי גרויסע שוואַרצע הינד געהען אום אָפּט אָבגעבונדען פֿון קייט. צווייטענס איז פֿון איין זייט געסילקע געווען דער פּאַרקאַן און דער טויער פֿון דעם „משוגע'נעם הויף", דאָס הייסט דער משוגעים שפּיטאָל. אויף יענער זייט פּאַרקאַן, אויפֿ'ן הויף פֿון שפּיטאָל פֿלעגען אומגעהן די משוגעים אין זייערע בלויע פּאַסעוואַטע כאַלאַטען. אָפּט פֿלעגט מען אויף זיי דאָרט גיסען קאַלטע וואַסער, און די משוגעים פֿלעגען שרייען מיט אַזעלכע משונה'דיגע קולות, אַז מיר פֿלעגען ווערען פֿערציטערטע. הערענדיג די קולות פֿון אונזער ברעג. דער דריטער שרעק, דער גרעסטער פֿון אַלע שרעקען איז געווען דער „טשאַסט", דאָס פּאָליציי-הויז אויפֿ'ן סאַמע בארג אַרויף צו-אַנ'עק געסילקע. פֿון דאָרטען פֿלעגען זיך אָפּט דרייען די העסליכסטע און שרעקליכסטע פֿון אַלע בעשעפֿעניסען פֿאַר אונזערע יאַטען-די „דעסיאַטניקעס" מיט די „קוואַרטאַלניקעס". אויף אונזער הדר-לשון האָבען זיי געהייסען „זלאָ-בעס". מיר האָבען קיינעם אַזוי ניט געהאַסט, פֿאַר קיינעם אַזוי ניט געציטערט, ווי פֿאַר די זלאָבעס. אין די רעכטע צוקאָכענעס פֿון שפּילען, ווי אויפֿגעראַמט מיר האָבען ניט געמעגט זיין, האָט אימיצער נאָר געדאַרפֿט אַ געשריי טאָן: יאַטען-אַ זלאָב! איז שוין פֿון אונזער חברה אויפֿ'ן ברעג קיין נפֿש ניט געבליבען. יעדער האָט אַ צושראָ-קענער, אַ פֿערציטערטער זיך געלאָזען לויפֿען וואו די אויגען האָבען איהם געטראָגען.

אָבער אי צו גאַניטשעס אי צו מאָטקע פּאַווילס געסילקע האָט אונז געצויגען אַ מאָדנע קראַפֿט. עס האָבען זיך געטראָגען זונקעלע קלאַנגען צווישען אונזער חברה, אַז אין גאַניטשעס געסילקע, ניט ווייט פֿון בריק, אויף יענער זייט פּאַרקאַן, וואַקסען קאַרשען-בוימער און צווייגען מיט שוואַרצע קאַרשען שטעקען אַרויס פֿון פּאַרקאַן צום ברעג צו, און אַז מ'זאָל אַרויפֿקלעטערן אויפֿ'ן פּאַרקאַן קען מען בעקומען די שוואַרצע קאַרשען מיט'ן האַנד. וואָס אָנבעלאַנגט מאָטקע פּאַווילס געסילקע זענען די קלאַנגען פֿון דאָרטען געווען נאָך רייצענדער... מי האָט גערעדט, אַז ביי מאָטקע פּאַווילס אין הויף וואַקסען קוסטעס מיט מאַלינעס און צוקערוואַנע אַגרעסין; זיי וואַקסען האַרט לעבען פּאַרקאַן. דער פּאַרקאַן איז אַפֿילו העכער ווי

פֿון גאַניטשעס געסילקע, אָבער דערפֿאַר זענען אין איהם דאָ שפּאַלטען; מ'קען אַריינשפּאַרען די האַנד און — בעקומען.

מיר האָבען געמאַכט אַנ'אַסיפֿה און פֿערהאַנדעלט די פֿראַגע: וואו איז ארץ ישראל? צו אַרויפֿצו רעכטס—אין מאַטקע פּאַוויל'ס געסילקע, צו אַראָבצו לינקס אין גאַניטשעס געסילקע. דאָס הייסט אייגענטליך איז דאָס געווען אַ פֿראַגע: וואָס איז בעסער? צו קאַרשען, צו צוקערוואַנעס אַגרעסין מיט מאַלינעס. יעדערער וואָס האָט אַ גלייכען שכל קען זיך לייכט אָנשטויסען אַז די פֿראַגע איז אונז געווען שווער צו ענטשיידען, און ווירקליך איז געבליבען כמעט איינשטימיג, אַז אי דאָ, אי דאָרטען איז ארץ ישראל. אלא וואָס דען? דאָ אַראָב־צו וואָהנען די פּלשתים, און דאָרטען אַרויפֿצו—די „עמלקים". נאָר פֿאַר די עמלקים (לעז: די שוואַרצע הינד מיט די דעסיאַטניקעס) האָבען מיר מעהר מורא געהאַט.

איז געבליעבען: מי זאָל פֿריהער געהן אויף מלחמה מיט די „פּלשתים".

מיר האָבען פֿריהער, ווי דער שטייגער איז, געשיקט מרגלים: מאָשקע הוואָלע די גראָבעס און המאה'לע „קירבעס". זיי האָבען „אָנגעגורט זייערע לענדען" דאָס הייסט פֿערבונדען די צוריסענע פּלודערן מיט אַ שטריקעל, צוגעטשעפּעט צום זייט די הילצערנע שווערדלאַך, וואָס זענען געבליבען פֿון תשעה באָב—וואָרום זיינענדיג תשעה באָב אויפֿ'ן בית עולם האָבען מיר ניט אַריינגעשטעקט אונזערע שווערדלאַך אין די קברים, ווי אַנדערע אינגלאַך האָבען געטאָן: דאָס האַרץ האָט אונז געזאָגט, אַז זיי וועלען אונז צונויץ קומען— אַלזאָ האָבען זיי אַרומגעבונדען אַרום זייט די שווערדלאַך און אָנגעפּאַקט די קעשענעס מיט שטיינער און שטיקער ציגעל.

— מאַרש! האָט אויסגעשריען יאָסיל „פּוזאַץ", וועלכער איז געווען קיסר אָנשטאָט „בולקען".

— שטעה! מען דאַרף זיי בענטשען! — האָט זיך אָבגערופֿען שעפּסעלע „פּאה־קאַפּאָטקע". פּאה־קאַפּאָטקע האָט מען איהם גערופֿען ווייל ער האָט געטראָגען לענגערע פּאות און אַ לענגערע קאַפּאָטקע פֿון אַלע אינגלאַך, וואָרום זיין טאַטע איז געווען אַ חסיד. צייטענווייז פֿלעגט ער ביי אונז דעריבער דינען פֿאַר אַ „כהן־גדול".

פּאה־קאַפּאָטקעס פּלאַן איז אַלעמען זעהר געפֿעלען געוואָרען. וואַרט! האָבען אַלע געשריען צו די מרגלים. שעפּסעלע, בענטש זיי!

שעפּסעלע האָט אָנגעשטעלט אַ פּנים פֿון אַ צדיק, אַראָבגערוקט דעם צוריסענעם ברילי'ק איבער די אויגען, אַרויפֿגעלייגט זיינע ביידע הענד די „מרגלים" אויף די קעפּ און געשעפּטשעט:

— „יברכך אלקים וישמרך“, — גאָט זאָל דיך בענטשען און אײנ־היטען — „יאר אדײַשעם פניו אליך ויחנך“ — גאָט זאָל דערלײַכטען זײַן פּנים צו דיר און זאָל דיר לײַטזעליגען — און אַז ער האָט אויס־געלאָזען: „שלום“ האָט גאַנץ חברה מיט דעם נגון פון די „כהנים“ בשעת זיי דוכנען געענטפערט אַלע אין איין קול: „אָ־אָ־מי־אין!“.

איצטער זענען געווען אַלע זיכער, אַז דער אויבערשטער וועט מצליח זײַן און מיר וועלען אײַנגעהמען די „פלשתים“.

— מאַרש! האָט ווידער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן פוזאַיק.

— שטעה! א י ך װעל א י י ך ב ע נ ט ש ע ן ! האָט פּלוצלונג און אונגעלומפּערט אַ געשריי געטאָן בולקע. און נאָך איידער די מרגלים האָבען צייט געהאַט אַ ריהר צו טאָן זיך פון אָרט האָט שוין בולקע געהאַלטען זײַנע רויטע הענד אויף זייערע קעפּ און געבענשט זיי בזה הלשון:

אַ קלאָג צו אײַערע קעפּלאַך,
זאָלען זיי געשוואָלען ווערען ווי טעפּלאַך;
הינד זאָלען אײַך בייסען,
וועלף זאָלען אײַך רייסען!
איהר זאָלט ניט קומען צוריק,
מי זאָל אײַך הענגען אויף אַ שטריק...

וואו „בולקע“ האָט גענומען די דאָזיגע „ברכה“ איז מיר נאָך עד היום ניט בעוואוסט. נאָר וואָס עס האָט זיך אָבגעטאָן באַלד נאָכדעם, ווי ער האָט זי געענדיגט, איז מײַן פעדער צו שוואַך עס צו בעשרייבען. עס איז געוואָרען אַן עכטע רעוואָלוציע. „פוזאַיק“ האָט געאַרבייט מיט די קולאַקעס, „בולקע“—מיט'ן בויך, „קירבעס“ מיט די עלענבויגענס, „קאַרנאַיק“ מיט'ן הינטערטייל, און גאָט ווייס מיט וואָס דיזע אינעווײַניגסטע מלחמה וואָלט זיך געענדיגט, ווען אימיצער פון דער חברה וואָלט ניט אַ געשריי געטאָן:

— יאַטען, אַ זלאָב!...

אין איין מינוט איז פון חברה אַ שפּור ניט געבליבען אויפ'ן ברעג.

„בּוּלְקעס" מַפָּלָה.

איך ווייס ניט צי ביי אַלעמען איז דער איינזאַמער בּרעג, דאָ מיר האָבען געוואָהנט, געווען אַזוי פּלאי פּלאים׳דיג און סודי סודות׳דיג, צי נאָר ביי מיר אַליין. ער האָט ביי מיר געהאַט עפּעס אַ מאָדנעם צויבער, אַ מין כּשוף.

אַלץ איז געווען אויפ׳ן בּרעג פאַר מיר אונגעוועהנליך, הדושים׳דיג. אַ שטילע איינזאַמקייט האָט דאָרט אימער געהערשט ביי טאָג; ביי נאַכט איז געווען מוראָ׳דיג. ביי נאַכט פלעג איך מורא האָבען אַרויסצוגעהן פון הויף, זאָגאַר פון שטוב. אַז מיר פלעגט אויסקומען געהן פון הדר אַליין, פלעג איך ציטערנדיג קריכען האַרט צו די פּאַרקאַנעס און הייזער, ביז איך פלעג דערטאַפּען אונזער טויער. דאָ בּין איך שוין געווען אַ ביסעל רוהיגער.

הייזער איז ביי אונז אויפ׳ן בּרעג געווען נאָר עטליכע, און פון די עטליכע איז נאָר געווען איין אידישער הויף מיט אידישע שכנים. די איבּריגע דריי הויפען זענען געווען פּריצי׳שע, און יעדער הויף איז ביי מיר געווען אַ תהום מיט סודות, וואונדערליכער פער־כּשופ׳טער שלאָס.

מיר אַליין האָבען אויך געוואָהנט אין אַ פּריצי׳שען הויף און זענען געווען דאָרט די איינציגע אידישע שכנים, אונזער הויף גופא איז פאַר מיר אויך געווען פול מיט טרויעריגע סודות. אויסער אונז האָבען דאָרט געוואָהנט: דער פּריץ אַליין, מ אַ ל ע נ ט י נ אָ וו י ט ש האָט ער געהייסען, צוויי וועשערינס, מנישקעס — אַ ג נ ע ס י ע און פ ר אַ נ צ י ס י ע און אַ קולהאַווער שוסטער, וועלכען די מאַמע האָט גערופען עמלק און איך האָב איהם פיינד געהאַט ווי דעם טויט. דער שוסטער האָט געהאַט צוויי שקצים, מיט וועלכע אונזער חברה פלעגט פיהרען שטילע מלחמות. אין אַלע פענסטער זענען ביי אונזערע פּויל׳שע שכנים געשטאַנען „געטשקעס", וועלכע איך האָב פיינד געהאַט און האָב פאַר זיי מורא געהאַט. די מאַמע פלעגט זאָגען,

אז די שכנים זענען „הבל'ניקעס", פונדעסטוועגען האט זי געלעבט אי מיט די פריצים אי מיט די שכנים גוט. דער פריצ'טע פלעגט זי אלע פרייטאג אריינטראגען א פאר שטיקלעך געפילטע פיש (דערויף איז זי געווען א גרויסע בריה) און די „מנישקעס" פלעגט זי מכבד זיין מיט א טעלעריל צימעס. דערפאר איז ביי זיי געווען „נאשא סושעדקא עלטעצקא" אויס די וועלט און זיי פלעגען ביי אונז אפט אראפנעהמען די לייכטער אום שבת. דאס האט זיך גערעכענט פאר א גרויסע זכיה, ווארום אראפנעהמען ביי אידען די לייכטער איז ביי די פוילישע „מנישקעס" געווען אזא עבירה, כמעט ווי ביי א אידען אליין, נאר מיט'ן „עמלק", דאס הייסט, מיט'ן קולהאווען שוסטער און מיט דער שוסטערקע איז זי געווען פון ווייטען און האט זיי גע- רופען „כלבים".

די גרעסטע שרעק פון ברעג איז פאר מיר געווען דער אנדער הויף פון אונז, וואו עס האט געוואהנט איינע אליין די משוגע'נע פריצ'טע פּ ו ז ש י נ א ו ו ש ט ש י כ ע. מאנאטענלאנג האט מען קיינעם ניט געזעהען אריינגעהענדיג אהין, אדער ארויסגעהענדיג פון דארטען. מיר פלעגען מורא האבען אפילו צוצוגעהן נאהענט צום פארקאן און אריינקוקען אין הויף דורך די שפאלטען. נאר צייטענווייז פלעגען מיר זיך מאכען קוראזש און כאפען א קוק דורך א שפאלט, און באלד אבשפרינגען צוריק, ווארום די צוויי גרויסע געלע הינד, וואס זענען געווען צוגעבונדען צום קייט פלעגען באלד דערשפירען דעם קלענסטען שארך, א שפרונג טאן אויף די הינטערסטע פיס און אויפהויבען א ברום, אז מיר פלעגען פערציטערט ווערען. באלד נאכדעם פלעגט געבען א קלונג די טיר פון דער משוגע'נער פריצ'טעס פאקאיעס און עס פלעגט זיך ארויסשטעקען איהר קאפ אין א ווייסער פאטשיילע און— ווידער פערשווינדען. אז מיר פלעגען אבגעהן פון שרעק, פלעגט אימיצער פון אונז ווידער מאכען זיך הארץ און א קוק טאן אין דער משוגענער'ס הויף דורכ'ן שפאלט. די געלע הינד פלעגען ווידער שפרינגען פון הויט און די משוגע'נע פריצ'טע פלעגט ווידער ארויס- לויפען אין איהר ווייסען הויב און קוקען מיט איהרע צושראקענע אויגען אין אלע זייטען. דאס האט געוועקט אין אונג נייגיריגקייט אהן א גרעניץ און פּ ו ז ש י נ א ו ו ש ט ש י כ ע איז ביי אונז געווען א מכשפה, א שדי'כע, א לילית פון די אלטע באבע מעשיות. זעלטען, זעלטען פלעגט זי ארויס פון איהר פער'כשופ'טען שלאס, און דורכ- געהענדיג דעם ברעג, און דערזעהענדיג אונזער חברה, פלעגט זי קוקען אויף אונז מיט איהרע גרויסע צושראקענע אויגען. מיר פלעגען זיך פון איהר אברוקען ווייטער מיט א ציטערניס.

דאָס לעצטע הויז פֿון ברעג, אַרויפֿצו, אויפֿ'ן באַרג (וואָרום אונזער ברעג איז געגאַנגען באַרג אַרויף) האָט אונז געמאַכט ווענינ שרעק, אָבער האָט נאָך מעהר גערייצט אונזער נייגיריגקייט. דאָרטען האָט געוואוינט „דער אידישער גוי", וואָס זיינע קינדער זענען געגאַנגען אין גימנאַזיע. מיר האָבען זיי אַזוי מקנא געווען, אַזוי מקנא געווען... די בלויע קעפּקעס מיט די ווייסע מעשענע קנעפּלעך, מיט די ראַנצעסלעך... דעם אידישען גוי אַליין האָבען מיר פֿיינד געהאַט, וואָרום אין דערהיים האָט מען ביי אונז גערעדט, אַז ער געהט קיינמאָל ניט אין שול, אויסער יום כפּור, און אַז שבת עסט מען ביי איהם קיין טשאָלענט ניט. נאָר פֿאַר די גימנאַזיסטלעך האָבען מיר געהאַט גרויס דרך ארץ; מיר האָבען וויפֿיעל מאָל געוואָלט שליסען מיט זיי בעקאַנטשאַפֿט, נאָר די גימנאַזיסטלעך האָבען אויף אונז געקוקט מיט אַזאַ גאוה און פֿעראַכטונג, אַז ביי קיינעם פֿון אונז האָט זיך דער מוט ניט גענומען אַריינצופֿאָהרען צו זיי מיט'ן ערשטען שלום עליכם.

אויף יענעם הויף איז געווען אַ בוים מיט ראַבינעס, און צו די ראַבינעס האָט אונזער חברה מורא'דיג חשק געהאַט. דער בוים איז אָבער געווען אין הויף אינווענינ פֿעררוקט אין אַ ווינקעל. מיר האָבען אַמאָל זיך אַטוואַזשעט און אַריינגעקוקט אין הויף דורך דער אָפֿענער פֿערטיל. אויפֿ'ן הויף איז קיין נפֿש ניט געווען. דאָס האָט אונז צוגעגעבען נאָך מעהר קוראַזש. מיר האָבען בעשלאָסען צו שיקען אַהין אויפֿ'ן הויף אַן עקספּעדיציע מיט גרשון בולקע אַן דער שפּיצע. אויף אונזער הדר-אינגעלשען לשון האָט דאָס געהייסען שיקען מרגלים אויסזעהען ארץ ישראל. די ערשטע מרגלים האָבען געמאַכט בקיצור: זיי האָבען אַ שטעק געטאָן די נאָז אַהין אַהער און געבראַכט אונז די ידיעה, אַז ערגעץ האָבען זיי ניט געזעהען ניט קיין ריזען, ניט קיין עמלקים, און ניט קיין „ווילדע חיות", דאָס הייסט— הינט. „מיר קענען קומען אויף דעם לאַנד אין זיכערהייט",—האָבען זיי אונז געמעלדעט מיט דעם לשון פֿון פּסוק און אָנגענעמען קעשענעס מיט ווייַנטרויבען—דאָס הייסט מיט ראַבינעס, לשובע נפֿשנו—נאָך דער זעטיגקייט פֿון אונזער זעעל".

מיר האָבען די בשורה פֿון די ערשטע מרגלים אָנגענומען מיט ווענינ צוטרויען, כאָטש בולקע האָט גענומען אַלע פֿיער ציצית אין האַנד און האָט זיך געשוואָרען: ווי איך בין אַ איד! זאָג איך אייך! זאָל איך שטאַרבען! זאָל איך קרענקען! זאָל איך ניט זעהען מיין טאַטען און מאַמען, אויב איך זאָג אייך אַ ליגען! און אַז דאָס האָט אויך ניט געהאָלפֿען האָט ער געשוואָרען די לעצטע, די הייליגסטע

שבועה: אויף מיין חלק עולם הבא! דאן האבען מיר געגלויבט און האבען אויסגעריכט א נייע עקספעדיציע—זעקס מרגלים אונטער דער אנפיהרונג פון יהושע בן נון—יאסיל קארנאץ, און כלב בן יפונה—לייבעצקע פוזאץ. ווי גרויס איז געווען אונזער שמחה און איבערראשונג, ווען די מרגלים זענען אנגעקומען מיט א פויקעריי און טראמפייטעריי, און ווי זיי זענען נאר געקומען נעהענטער צו אונזער הויף, האבען זיי ארויסגענומען פון אונטער פאלע א שטאנג, אויף דעם שטאנג איז געהאנגען א הענגעל מיט ווייַנטרויבען, דאס הייסט א גרויסער קוסט ראבינעס און געטראגען דאס אויף די אקסלען מיט גרויס פאראד און א הורדא.

גרשון בולקע איז פון דאמאלס אן געווארען ביי אונז א בעל נאמנות און דער קיסר פון יענעם טאג. אז מיר האבען זיך צוטיילט און פארטיג געווארען מיט די ראבינעס, האבען מיר בעשלאסען צו שיקען א דריטע עקספעדיציע אין ארץ ישראל. נאר דא האט זיך געפונען א קורח, א בונטאווששטשיק, וועלכער האט אויסגעטראכט שלעכטע רעד אויף דעם „הייליגען לאנד“ און געמאכט צוגעהן דאס הארץ פונ'ם פאלק. ער האט גע'טענה'ט, אז „אמת טאקע, די „ווייַנטרויבען“ זענען גוט און ניט איין בוים—א סך בוימער האט ער דארט געזעהען, נאר „בייזע חיות“ זענען דארטען דא און „עמלקים“ אויך. ער האט געשווארען אויף זיין חלק עולם הבא—ווי ער האט אליין געזעהען: אין דער הויך פון א פענסטער האט ארויסגעשטעקט א קאפ, דערנאך האבען אנגעהויבען צו קלאפען פינגער אין א שויב. בולקע האט גע'טענה'ט: ס'איז א ליעגען. צווישען בולקען מיט קורח'ן איז געווארען א געשלעג. מ'האט זיי ווי עס איז פאנאנדערגענומען. בולקע האט געשריען: גיט מיר היל! וועל איך געהן איינעמען דאס לאנד, און אז איך וועל אייך ניט ברייַנגען צוויי קעשענעס פול מיט „ווייַנטרויבען“, איז ניט מיין נאמען בולקע! אט דא וועט איהר זעהען.

מ'האט איהם געגעבען א קאמאנדע און בולקע איז אוועק א דריטען מאל נאך ווייַנטרויבען, שטאלץ און האפערדיג, ווי אן אני־אמת'ער גענעראל. די איבעריגע חברה איז געבליבען אויף „דעם זייט ירדן“, ווארטען אויף די „רויב“, וואס די מחנה וועט ברענגען, ווייל די גאנצע היל זאל געהן איז געווען א סכנה.

מיר, דאס הייסט די חברה וואס זענען געבליבען אויף „דעם זייט ירדן“, זענען דערווייַלע אוועק מארשירען צום בריק. מיר האבען נאך קיין צייט ניט געהאט צו קאמאנדעווען „נאזאד!“ ערשט מיר הערען הינטער אונז א ווילדען געלאף און א קוויטשעריי: דער ערשטער

האָט זיך בעוויזען בולקע: טאַטינקע מײַנער! וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט געהאַט! אָבגעגאָסען ווי אַ האָהן פון אויבען ביז אַראָב, ער איז געלאָפען האַסטיג אומגעלומפּערט און צוטומעלט ווי זײַן שטייגער און נאָך איהם די גאַנצע מחנה אויך אָבגעגאָסען, און נאָך דער מחנה, אַ מחנה הינד גרויסע און קליינע, און נאָך די הינד זענען געלאָפען „עמלקים", שקצים און שיקסעס מיט בעזימער און קולאַקעס...

מיר האָבען דאָס דערזעהען, איז אונז געוואָרען פינסטער אין די אויגען. אונזער גאַנצע אַרמעע איז אין איין מינוט אויסגעטריקענט געוואָרען.

אָט אַזוי האָט זיך געענדיגט טרויעריג און ביטער אונזער דריטע עקספּעדיציע נאָך „ארץ ישראל". בולקע איז איבעראַנייס געוואָרען אויס קיסר און מיר האָבען פון דאַמאָלס אָן ניט געוואַגט אַרײַנצושטעקען די נאָז צום אידישען גוי אין הויף אַרײַן. —

מיין רבּי שמעון ישׂראל.

אַזוי ווי יעצט שטעהט ער מיר פֿאַר די אויגען, דער רבּי מיינער. איך געדענק ניט: צו דאָס איז געווען דער דריטער מלמד, צו דער פֿערטער, בּיי וועמען איך האָבּ געלערנט. נאָר קיין מלמד געדענק איך ניט אַזוי גוט ווי איהם, שמעון ישׂראל האָט מען איהם גערופֿען. דאָס איז געווען אַ הויכער איד מיט בּרייטע פּלייצעס, נאָר מיט אַ בּלאַסען געזיכט און שענע שוואַרצע אויגען. ווען ער וואָלט געהאַט אין געזיכט אַ רויטקייט און וואָלט געווען פֿולער, וואָלט דאָס געווען אַ בּילד־שענער מאַנספּערזאָן, אַ העלד. נאָר די מלמדות האָט אויסגעזויגען דאָס בּלוט פֿון זיין פּנים, האָט אויסגעלאָשען דעם גלאַנץ פֿון זיינע אויגען און בּעצויגען זיי מיט אַ טרויעריגע מאַטקייט.

פֿינף צו זעקס זמנים האָבּ איך געלערנט בּיי שמעון ישׂראל׳ן. איך האָבּ בּיי איהם „פֿערשטאַרקט" זיך אין עבֿרי, אָנגעהויבּען חומש, דורכגעלערנט תּנך און געמאַכט אַ התחלה אויף גמרא.

אַ צופּלינקע האָט ער געהאַט אַזוי ווי אַלע מלמדים. זי שטעהט מיר נאָך פֿאַר די אויגען, די צופּלינקע מיט די פֿינף שוואַרצע פֿער־שמאָלצעוועטע לאָקשען, אָנגעשלאָגען אויף אַ פּלעקעל, וואָס איז אויך אַזוי געווען פֿערשמוצט און פֿערשמאָלצעוועט ווי די לאָקשען. די לאָקשען האָט דער רבּי שמעון ישׂראל געהאַלטען שטענדיג בּיי זיך. נאָר הפּנים מעהר פֿון פֿאָרמע וועגען, ווי פֿון בּעדערפֿעניס. ווייל געבּרויכט האָט ער זיי זעלטען, און ווען דאָס האָט געטראָפֿען, איז דאָס געווען מיט אַ צו׳כלומר׳שטען, געמאַכטען כּעס. ער פֿלעגט נאָר אויפֿשטעהן פֿון טיש, אַ טרייסעל טאָן איבּער אונז די צופּלינקע—אַזוי ווי אַ פֿוהרמאַן גיט אַ טרייסעל זיין בּייטש איבּער די פֿערד, כּדי אַ סטראַשע צו טאָן אונז, מיר זאָלען מורא האָבּען, און—דאָס גאָר. אין איין מאָל פֿלעגט דער רבּי שמעון ישׂראל בּרויכען די צופּלינקע ווי עס דאַרף צו זיין, דאָס הייסט אַוועקלייגען דעם אינגעל און שמייסען איהם. דאָס איז געווען דאַן, ווען אַ אינגעלס מאַמע פֿלעגט

קומען אין חדר און מסר'ן אַז איהר „כּל־בּוֹינִיק" האָט עפּעס אָפּגעטאָן אַן אַקט, אָדער גלאַט ער פֿאָלגט ניט אין דער היים, טוט צו להכעיס, און ז. וו.

דאַמאָלס פֿלעגט דער רבי שמעון ישׂראל מוזען אַוועקלייגען דעם „שייגעץ" און פֿאַר דער מאַמען, און פֿאַר דעם גאַנצען חדר אין די אויגען „אָפּקאַטעווען" איהם. ער האָט דאָס געמוזט טאָן, וואָרום אַז ניט, וועט די מאַמע זאָגען, אַז ער איז ניט קיין שטרענגער רבי און וועט אָפּנעהמען דעם אינגעל.

דער אינגעל פֿלעגט אויפֿשטעהן פֿון בּיינקעל, ווי ניט איהם מיינט מען, און צו וויינען זיך, נאָר אויף צו כּלומר'שט. ווײַל די שמיץ זענען געווען אויף צו כּלומר'שטע, פֿון יוצא זײַן וועגען, און האָבּען קנאַפּ וואָס וועה געטאָן. ווי די מאַמע פֿלעגט אַוועקגעהן, פֿלעגט דער געשמיסענער האַלטען זיך פֿאַר'ן הינטער־טהייל, אויף צו פֿלײַסען, און פֿאַרקערעהרענדיג די צורה אָן אַ זייט, אַרויסשטעלען אונז אַ צונג. מיר פֿלעגען אויסשיסען אין אַ געלעכטער, און דער רבי פֿלעגט שוין, ווי זײַן שטייגער, אַ הויבּ טאָן זיך פֿון באַנק און אַ טרייסעל טאָן מיט דער צופּלינקע, זאָגענדיג דערבּיי: נו, נו! וואָס דאָס האָט געהייסען: לערענט שקצים!

אין כּלל האָבּען מיר פֿאַר'ן רבּי'ן שמעון ישׂראל קיין מורא ניט געהאַט. פֿון דעסטוועגען האָבּען מיר זיך ניט ערלויבּט צו שטיפֿען אין חדר בּפרהסיא. מיר האָבּען דעם רבּי'ן ניט ליעבּ געהאַט, דאָך האָבּען מיר פֿאַר איהם געהאַט אַבּיסעל דרך ארץ, ווײַל ערשטענס, איז ער געווען אַזאַ הויכער, אַזאַ גרויסער, ממש ווי אַ דעמבּ, צווייטענס, פֿלעגט ער מיט אונז ווייניג וואָס פֿאַרבּרענגען, אויסער דעם לערנען. ער האָט גערעדט געציילטע ווערטער, ניט ווײַל ער איז געווען אַזאַ חכם, נאָר פּשוט ער האָט זיך געפֿוילט. דערצו האָט פֿיעל געהאָלפֿען, אַז מיר זאָלען דרך ארץ האָבּען, די רבּי'צין, וועלכע האָט אַ שטאַרקען חלק גענומען אין אונזער ערציהונג.

די רבּי'צין, חנה האָדע, פֿערדיענט אויך, מ'זאָל וועגען איהר זאָגען אַ פּאָר ווערטער אין דעם חדר'שען פּנקס. דאָס איז געווען אַ דאַרע אידענע, ניט קיין הויכע, נאָר אַ בּרייטע, געגאַנגען שטענדיג הײַלענדיג זיך, אַזוי ווי אויפֿגעקאָרטשעט, מיט אַ געלען שייטעל און צוריסענע אַרבּעל. זי האָט תּמיד געשמײַהעט אַרום אויווען, געהאַוועט, געלאָפֿען פֿון קיך אין פֿאָרהויז, פֿון פֿאָרהויז אין קיך.

דער גאַנצער חדר איז בּעשטאַנען פֿון אַ לאַנגע און אַ שמאָלע שטוּבּ און אַ קאַמער. די קיך און די שטוּבּ איז געווען צוזאַמען, דאָס

הײסט דער אױװען איז געשטאַנען פֿון פֿאָרינט אין שטוב. די קאַמער איז געװעזען אַ פֿינסטערע, דער גרעסטער טײל איהרער איז בּעשטאַנען פֿון דער אױװען, דערפֿאַר איז געװען אױפֿ׳ן אױװען גענוג פּלאַץ פֿיר עטליכע צו שלאָפֿען, און װינטער פּלעגט דאָרט װירקליך שלאָפֿען דעם רבּי׳ס גאַנצע פֿאַמיליע.

אונזער חבֿרה פּלעגט זיך מעהר געפֿינען אין פֿאָרהױז אין דער צװישענצײַט פֿון לערנען. די פֿאָרהױז איז געװען אָהן אַ פּאָדלאָגע און אָהן אַ בּאַלקען. אונטען איז געװען די הױלע ערד און אױבּען — אַן אַלטער צולעכערטער דאַך. אין פֿאָרהױז איז געשטאַנען אַ צובּער מיט װאַסער, אַ כּלי מיט אײַנגעזײַערטע אוגערקעס, אַ בּאַרג „האַליאָ״, דאָס הײסט בּיליגע העלצלעך, אין אַ װינקעל, פֿון הינטען, איז געשטאַנען צוגעבּונדען די ציג, אַזאַ דאַרע בּעשעפֿעניס, װי דער רבּי און די רבּי׳צין, און עטליכע היהנער, װאָס זענען אײגענטליך געװען אומעטום.

אַרום דאָס אַלץ האָט די רבּי׳צין חנה האָדע געהאַט אַ גאַנצען טאָג אַזױ פֿיעל צו טאָן, אַז ממש איהרע פֿיס פּלעגען ניט רוהען, פֿון דעסטװעגען פּלעגט זי צײַט האָבּען אַכטונג צו געבּען אױף אונז, און אַמאָל מיט דער קאָטשערע, אַמאָל מיט אַ טעלעריל הײסע בּולבּעס, אָדער אַ קאָטשאַן פֿון קרױט, האַלטען אונז אין צאַהם.

איבּערהױפּט האָט דער רבּי׳צינס האַלטונג צו אונז זיך געװענט אָן דעם, צי מי האָט געבּראַכט דעם שׂכר למוד אין דער צײַט, אָדער ניט. צו די אינגלאַך װאָס זײַערע מאַמעס האָבּען געבּראַכט דאָס רבּי=געלד אין דער=צײַט, איז זי געװען בּעסער, האָט זײ אָפֿטער מכבּד געװען מיט פֿערשידענע זאַכען פֿון איהר קיך, און די אינגלאַך, װאָס האָבּען ניט געבּראַכט צו דער=צײַט דאָס רבּי=געלד, האָט זי אױף זײ געבּורטשעט, אָבּער מעהר ניט.

דעם שׂכר למוד פּלעגט מען געבּען דעם רבּי׳ן אַלײן אין האַנד. אָבּער ער פּלעגט דאָס געלד תּמיד גלײַך אָבּגעבּען דער רבּי׳צין, און בּעטען דערנאָך בּײַ איהר אַ פּאָר קאָפּיקעס אױף שמעק=טאַבּאַק, אָדער אױף אין מרחץ געהן. מעהר האָט ער ניט געהאַט אױף װאָס אױסצוגעבּען געלד.

די רבּי׳צין האָט שטענדיג געװאוסט, װאָס פֿון װעמען עס קומט. זי האָט ניט געקענט שרײַבּען, האָט אָבּער קײן מאָל קײן טעות ניט געהאַט אין חשבּון. אַז מ׳פּלעגט בּרענגען דאָס געלד אין דער צײַט, פּלעגט זי זײַן זעהר צופֿרידען. יענעם אינגעל, װאָס זײַן מאַמע האָט געבּראַכט דאָס געלד, האָט זי עטליכע טעג נאָכאַנאַנד

מדריך געווען, געלערנט איהם, ווי ער זאל זיך פיהרען אין דער היים און אין הדר, ווי מ׳דארף פאלגען א רבי׳ן און א מאמען און גוט לערנען. עס פערשטעהט זיך, אז דאס איז פאר איהם קיין מעלה ניט געווען, און די אינגלאך, וואס דער רבי׳צינס אויג האט אויף זיי וועניגער געריהט, האבען זיך געפיהלט א סך פרייער.

דער רבי און די רבי׳צין האבען געהאט צוויי דערוואקסענע קינדער, א מיידעל מאשע, זי האט געמאכט פארוקען, און א בחור נפתלי—א בעהעלפער ביי א פרעמדען דרדקי מלמד. מיט דער מיידעל האבען מיר זיך וועניג געקנעפעלט, דערפאר האבען מיר געלעבט גוט מיט נפתלי׳ן, וועלכער פלעגט אונז שטארק זיין צו הילף חנוכה מיט גארען גיסען, פורים מיט מייסטרעווען המן-קלאפערס און אין די ניין-טעג אין מאכען שווערדלאך. אין די אלע זאכען איז ער געווען א בריה, מעהר בריה ווי אין דער בעהעלפעריי. ער איז כלל געווען א מייסטער צו שניצען פערשידענע צאצקעס מיט זיין קליין מעסערעל און דערפאר איז ער ביי אונז געווען זעהר חשוב.

בכלל האבען מיר זיך געפיהלט אין חדר ניט זעהר שלעכט. דער רבי האט אפילו אליין געארבייט שווער, נאר אהן כעס און פלעגט אונז ניט שטארק דריקען. ער האט געלערנט געלאסען, אהן קאכענעס. דערפאר האבען מיר זיך געפיהלט גוט אין די געהויבענע טעג: א ראש חודש, אן ערב יום-טוב, און איבערהויפט אין די ניין טעג. דאן איז דער רבי גאר אן אנדערער געווארען. ער האט פארלארען זיין רוהיגקייט. זיינע אויגען האבען בעקומען א גלאנץ. אין זיי האט זיך אבגעשפיגעלט א טיעפער טרויער. בשעת ער האט מיט אונז געלערנט „אמר רבי יוחנן“, דאס הייסט די מעשה פון דער גמרא ווי אזוי און פאר וואס דער בית המקדש איז חרוב געווארען, האט ער זיך געשאקעלט און אפטמאל טרויעריג זיך פערטראכט.

קיין מאל איז ניט געווען אזא ענגע גייסטיגע פערבינדונג צווישען איהם און אונז ווי דאמאלסט. מיר האבען איבערגעלעבט צוזאמען מיט איהם אלע שרעקליכע בילדער פון חורבן און אפט האבען זיך טרעהרען געגאסען פון זיינע און אונזערע אויגען. ער האט אונז אויסגעזעהן, מיט זיין בלאסען בגייטען פנים, פארלאטעטען רויטען קאפטעל און טיעף פערטרויערטע אויגען, אזוי ווי דער נביא ירמיה, וואס זיצט אויף א שטיין אין דער וויסטע און קלאגט אויף דעם חורבן פון זיין פאלק.

נאך תשעה באב איז דער רבי שמעון ישראל ווידער גאר אן אנדערער געווארען. זיין גאנצע פיגור האט זיך אזוי ווי אויס-

געגלייכט. זיין בליק איז געווארען שטאלצער און בלישטשעדיגער. אבער ניט טרויער נאר פריידע און האפנונג האבען געשטראהלט פון זיינע אויגען, ווען ער האט מיט אונז געלערענט די שענע קאפיטלאך פון ישעיה, מ׳ ביז צום סוף, די קאפיטלאך וואס טרייסטען דאס אידישע פאלק און גיסען אין זיין נשמה א היילענדען, א קוויקענדער באלזאם.

אונזערע קינדערשע נשמות פלעגען זיך אויך דאמאלסט אויפהויבען פון דער זינדיגער, פון דער טרויעריגער ווירקליכקייט און צוזאמענגיסען זיך מיט דעם רבי׳ס נשמה און אריבערטראגען זיך אהין, אין יענער פאנטאסטישער צוקונפט, וועלכע די נביאים האבען אזוי שען, אזוי וואונדערשען געמאלט...

די סכּה.

הײדאַ, יאַטען, מען פֿיהרט סכך!

איך געדענק נישט אויף ריכטיג, װער דאָס האָט אויסגעשריען צום ערשטען, צי „בולקע“, צי יאָסיל קאַרנאַץ — אָבער דאָס האָט געווירקט װי אַ צויבער־סיגנאַל אויף אונזער חברה. פֿון אַלע זײַטען האָט מען זיך געלאָזט לויפֿען מקבל פּנים זײַן די פֿוּערלעך מיט די װעגלעך סכך.

— װער, װאו? — פֿרעג איך מיט אַנ'אונגעהײערער נײַגיעריגקײַט.

— אָן, אָן! זעהסט נישט? בלינדער „טשאָרט!“.

איך האָב זיך אַ שטעל געטאָן אויפ'ן פּאָרענטש פֿון בריק, צװײ „יאַטען“ האָבען מיך צוגעהאַלטען און איך האָב טאַקי דערזעהן פֿון װײַטען פֿאָהרענדיג עטליכע פֿוהרלעך מיט סכך.

— סטראָסיאַ, רעביאַטאַ!!! — האָט „בולקע“ אַ געשרײ געטהון, און מיר אַלע, אַ צװאַנציג יונגלעך, האָבען זיך געלאָזט מאַרשירען ענטקעגען דעם סכך.

דאָס װאָרט „סכך“ איז בײַ אַלע יונגלעך פֿון אונזער שטײגער געװען אַ צויבער־װאָרט. אויסער די „שישקעס“, װאָס מיר פֿלעגען רײַסען פֿון סכך און װאַרפֿען זיך דערמיט, האָבען אונז צוגעצויגען די יעלאָװע לאַפּקעס מיט זײַער פֿרישען, אַנגענעמען, פּעכיגען ריח. און בײַ אונז, בײַ די יונגלעך, װאָס האָבען געװאוינט אויפ'ן ברעג, האָט דאָס געהאַט גאָר אַ בעזונדערע בעדײַטונג. די פֿוּערן פֿלעגען אָנפֿיהרען זײַערע װעגלעך סכך אויפ'ן ברעג טײַך, גראַדע ענטקעגען די הײַזלעך, װאו מיר האָבען געװאוינט. איז פֿיער טעג דורכאַנאַנד געװען בײַ אונז ששון ושמחה. עפּעס האָבען מיר זיך געהאַלטען דערמיט גרויס: אַהאַ, טאַקי אַלע קומען צו אונז קויפֿען סכך! הײַנט גלאַט די לעבעדיגקײַט, װאָס פּלוצלונג איז געװאָרען אויף אונזערע לאַװעס (אַזוי האָט געהײסען אונזער ברעג)! די פֿוהרלעך מיט די גוֹיים און גוֹי'עס האָבען אונז געגעבען מאַסען שטאָף צו שטיפֿען

און שפּיעלען און אבטאן פערשיעדענע שפּיצלעך. מיט די גויים זענען מיר אויף גיך געוואָרען „פּאני-בראטא“.. די ערשטע בעקאנטשאפט איז, פערשטעהט זיך, געווען שווער, ווייל מיר האָבען נישט געקאָנט רעדען גויאיש, און אמאָל פלעגט דאָס אונז אָנקומען טאַקי מיט קלעפּ, כדומה, למשל, אויף אזא שטייגער:

— פּאטשאָם לאפּקא סכאָלו? — געהט-אונטער העגדיל „קוריקו“ אָדער זושקע „פּיפּערנאָטער“ מיט א ברייטקייט צו א גוי און טאַקקעט אַריין א פינגער אין וואָגען.

דער גוי קוקט אַרום זושקע'ן מיט א פערדעכטיגען בליק פון קאָפּ ביז די פיס: זושקע'ס אָבגעריסענער ברילּיק, הוילע קניע און דער שפּיץ פינגער, וואָס טאָרטשעט אַרויס פון איין שוך, — וועקען א חשד ביי דעם פויער. ער טאַפּט אַרום דעם וואָגען: צי דאָס זעקעל מיט ברויט און דאָס בינדעל ציבעלעס זענען דאָ, און האַפּט זושקע'ן פאַר'ן אקסעל:

— פּאַדושאָם אווו טשאַסט, טי זשוליק! - שרייט ער אויס און שלעפּט איהם מיט זיך נאָכ'ן וואָגען.

דאָ מישען מיר זיך אַריין און האַלב מיט'ן מויל, האַלב מיט די פינגער ווייזען מיר איהם, אז מיר מיינען חלילה נישט קיין בעז. אז אונזער „באַטשקע“ און „מאַטקע“ איז „וואָן טוטיק“, און אום צו איבערצייגען איהם, טראָגט איינער אַרויס א קענדיל וואַסער און אַנ'אַנדערער — א זויערע אוגערקע, מען גיט אַוועק דעם גוי און — עס ווערט שלום. מיר בעקומען די ערלויבניס צו היטען די לאַפּקעס אויפ'ן ברעג און צו לעגען זיך פון אויבען אויף די קופּעס סכך ווי אונזער האַרץ גלוסט.

און וואָס א טאָג אַלץ נעהענטער צו סוכות — אַלץ פרעהליכער ווערט ביי אונז אויפ'ן ברעג.

די לעצטע צוויי טעג בין איך זעהר שטאַרק פערהאַוועט: מען דאַרף בעווייזען זיין אי אויפ'ן ברעג, אי אין דער היים — אויפ'ן הויף. אויפ'ן ברעג דאַרף מען זעהן, ווי עס געהט צו דער מסחר, העלפען זיך דינגען און אמאָל טאַקי אונטערטראָגען קופּקעלעך סכך א בעל-הבית'טע און האַפּען א קאָפּיקע, אָדער גלאַט אזוי, פון גוטע בעקאַנטשאַפט וועגען; און אויפ'ן הויף דאַרף מען העלפען דעם טאַטען מאַכען די סוכה! איך בין שרעקליך פערנומען, און האָב עפּעס פאַר זיך אַליין דרך-ארץ: עפּעס מעשה מענש, איך בין א נויטיגע האַנד, מען דאַרף מיך האָבען! דערצו איז מיר געווען אונגעהייער אנגענעהם דאָס שלעפּען די ברעטער, העלפען זעגען,

קלאפען טשוועקעס — קורץ, די איינפאכע ארבייט, וואס איז שטענדיג אזוי ליעב דער קליינער חברה.

די מאמע רופט מיך היינט ניט ארטשע; זי רופט מיך ארעלע. אז איך פלעג אנ'אנדערש מאל גנב'נען זפון לעביל א שטיקעל ברויט — פלעגט זי שרייען: הלעיטני! עשו! דו האסט דאך ניט לאנג געפרעסען אנבייסען, ברויט מיט קעז! אזוי גרינג קומט מיר אן דער לעבעל ברויט! ערשט גענומען און שוין באלד נישטא! היינט אבער מאכט זי זיך נישט זעהענדיג און רוקט מיר נאך אליין אונטער אמאל א שטיקעל הערינג אויך.

די שווערע קערפערליכע ארבייט בעוועגט האסטיג מיין בלוט. איך פיהל, אז די באקען זענען מיר רויט; דער שטערן פערשוויצט, איבער'ן גאנצען קערפער געהט דורך א ווארימקייט און אין מוח לויפען אום בילדער, אזעלכע מאדנע שענע בילדער; זיי לויפען האסטיג און שטעלען זיך ניט אב; און אז איך וויל איינס פון זיי האפען, בעטראכטען לענגער — איז עס שוין פערשוואונדען, און עס לויפען אן צעהן אנדערע, אלע שענע, לעבעדיגע, לאכענדע...

איך ארבייט די סוכה צוזאמען מיט'ן טאטען. די מאמע העלפט נאר צייטענווייז אונטער: זי טראגט אונטער דעם האמער, ברענגט א טשוואק, א ראגאזשע און געהט אוועק. זי איז שטארק פערנומען אין שטוב, אין קיך.. די איבעריגע קינדער זענען ניטא אין דער היים: דער איז אין א קראם, יענע ארבייטען. מוז די מאמע אליין צוגרייטען אויף יום־טוב כמעט איינע אליין.

די סוכה הויבט זיך אלץ העכער, און מיר ווערט אלץ פרעהליכער צו מוט. איך לויף ארום אלע ווייל'ע פון אינעווייניג, פון דרויסען, זעהן צו עס פעהלט עפעס ניט. איבערהויפט: עס זאלען ניט זיין קיין גרויסע שפאלטען, דער ווינד זאל ניט בלאזען. ענדליך איז שוין די סוכה פארטיג און דעקען פון אויבען מיט'ן סכך איז שוין מיין ארבייט אליין. סכך האבען מיר געהאט פון די בעסטע: דינע לאפקעס מיט לאנגע און ברייטע פינגער און גאר אהן סוקעס. מיר האבען געקויפט גאר צו'ם לעצטען א „רעסט“, פאר א „גריווגע“ א גאנצען בארג. פארט זענען מיר געוועזן עפעס מחותנים מיט די גויים. איך בין ארויפגעקראכען אויפ'ן לייטער. דער טאטע האט מיר דערלאנגט די לאפקעס און איך האב געדעקט: איין לאפקע מיט'ן שטעקען אראב און מיט די נאדלען ארויף און די אנדערע פערקעהרט. טאמער איז אויסגעקומען אין אנ'ארט צו געדיכט, האט מיר דער טאטע אנגעוויזען מיט זיין שטעקען. די סכך האט גע־

מוזט זײַן אַזוי בּעלײגט, אַז די שטערען זאָלען זיך דורכקוקען — אַז ניט איז די סוכּה פּסול.

דער טאַטע האָט אויך שטאַרק הנאה געהאַט מאַכענדיג די סוכּה. אָבער צווישען אונז איז געוועזן אַ גרויסער אונטערשיעד. איך האָט געאַרבּײַט האַסטיג, קאָכעדיג, און ער רוהיג, געלאַסען, ווי דער כּהן גדול בּשעת דער עבודה. זײַן געזיכט איז געווען ערנסט. יעדער טשוועקיל, וואָס ער האָט אַרײַנגעשלאָגען אין וואַנד איז געווען עפּעס אַזוי ווי אַ שליה אין די „עולמות העליונים“. יעדעם פּאַפּירעלע, יעדע זאַך, וואָס איז געווען אין דער סוכּה איז בּײַ איהם געוועזן אַ דבר קדוש, אַ הייליגע זאַך.

ערב סוכּות אין דער פריה איז שוין דער „בּנין“ פון דער סוכּה געווען פאַרטיג און בּעדעקט פון אויבען מיט סכך. עס איז נאָר געבּליבּען אַרומצוהען און צופּוצען פון אינוועניג. איך האָב געקראָגען עטליכע שטיקלעך אָביציעס, פּאָרטרעטען, געבּראַכט צופּיהרען עטליכע מולטעלעך געלענקע זאַמד און אויסגעשאָטען איניגוועניג אין סוכּה און אַרום פון דרויסען — אַלעס איז געווען פאַרטיג.

מײַן פריידע קאָן מען נאָר פערגלײַכען מיט דער פריידע פון גאָט, בּשעת ער האָט געענדיגט שאַפען זײַן וועלטעל, האָט זי אַרומגעקוקט פון אַלע זײַטען און געזאָגט, אַ גלעט־טאָנדיג די בּאָרד: שען! אַ פײַן וועלטעל...

איך האָב יעצט פאַנטאַזירט וועגען דעם, ווי עס וועט זײַן אין אָוועגד: איך וועל דאָס זיצען נעבּען דעם טאַטען אין סוכּה, מאַכען קידוש אויף צוויי חלה'לעך, וואָס די מאַמע האָט ספּעציעל פאַר מיר געבּאַקט, וועל זאָגען די „אושפּיזין“, וועל אײַנלאַדען די געסט: אבֿרהם, יצחק, יעקבֿ, יוסף, משה, אהרן און דוד — מיט וועלכע איך בּין דאָך איצטער אַ גאַנצער מחותּן און דער עיקר טאַקי... די המוציא מיט האָניג... איך האָב פאַנטאַזירט...

נאָר... פּלוצלונג האָט זיך איבּער אַלע מײַנע פאַנטאַזיעס פערצויגען אַ וואָלקען. דאָס איז ניט געווען אַ מליצה־וואָלקען, נאָר טאַקי אַן'אמת'ער, פּשוט'ער וואָלקען. די צײַט פון יום־כּפּור בּיז ערב סוכּות איז געווען זונען־שײַן. צײַטענווײַז האָבען זיך אויפ'ן העל־בּלויען הימעל געוויזען וואָלקענס, אָבער דאָס זענען געווען לײַכטע, שניי־ווײַסע קלײניקע וואָלקעלעך, וועלכע האָבען געמאַכט דעם הימעל נאָך שענער און די טרוקענע אָסיענדיגע טעג נאָך רייצענדער.

אין דער לופט איז געלעגען עפּעס אַ פרישקײַט, אַ מונטערקײַט,

אַז אַפִֿילוּ אַלטע ווײַבער פֿלעגען זיך וואונדערן און זאָגען: אַ דאַנק דיר, רבונו של עולם, פֿאַר די שײנע טעג, כֿאָטשע זאָל זײַן יום טובֿ ניט ערגער: מען זאָל קאָנען מקיים זײַן די מצוה פֿון סוכּה, ווי גאָט האָט געבאָטען.

אָבער גאָט האָט אַ פּנים ניט געוואָלט, אַז יודען זאָלען זײַן מצוה מקיים זײַן. ער האָט זיך אויף זײ צו בײזערט מיט אַ שלאַקס רעגען. דער רעגען האָט באַלד אויפֿגעהערט, אָבער ניט אינגאַנצען: אָנשטאָט די שווערע שוואַרצע וואָלקען האָט זיך פֿערשפּרײט אויפ'ן הימעל אַ שאַרע בלײַערנע כֿמאַרע און עס האָט געקאַפּעט קוים, קוים מיט קלײנע, דינע טראָפּענס, וועלכֿע האָבען זיך דאָך געלעגט ווי שווערע שטײנער אויף מײַן קינדערשע האַרץ און האָבען מיך געבראַכֿט אין פֿערצווײפֿלונג.

עס איז געוואָרען שוין שפּעט אָווענד, שוין באַלד ליכֿט בענשען... שוין באַלד מעריבֿ... און דער רעגען קאַפּעט און זעגט מײַן האַרץ.

דער טאַטע איז אין שטוב ניט געווען. עס האָט נאָך אויס־געפֿעהלט צום יום־טובֿ, איז ער אַרויסגעלאָפֿען עפּעס קריגען. די מאַמע איז געווען פֿערבּיטערט און בײז. די קינדער זענען געקומען אַ הײם און געהאַפּט זיך יעדערער פֿאַר אַנ'אַרבײט — העלפֿען איהר אין שטוב, און אגבֿ עפּעס אַ קײַ טון. „שאַ, זײ זענען שוין גע־קומען די „פּאַכֿאָלצעס״, — איז זײ די מאַמע מכבּד אויפ'ן הויכֿען שטײגער, — „איהר קענט ניט וואַרטען נאָך אַ ביסעל ביז נאָך קדוש, ווען אַלע יודען עסען? ווער וועט זיך דאָס אָננעהמען אויף אײַך: נײַן טעג שטאָפּען אײַערע האָרלעס? רויטשילדס אוצרות וועט אויף אײַך ניט סטײַען!״.

אַז דער טאַטע האָט געבראַכֿט ברויט, הערינג און ווײַן, איז די מאַמע, אָבגעגאַנגען פֿון כעס. אין שטוב איז געוואָרען שוין יום־טובֿ'דיג צוגעקליבען, די „מאַנסבּיל״ זענען אַוועק אין שול.

איך בין געווען אין כעס אויף גאָט און האָב ניט געוואָלט דאַווענען. אַז ער האָט מיר געקאָנט אַזוי אָבטון...

דער רעגען, דער רעגען האָט מיר געגנבֿעט די נשמה.

נאָר אַז מיר זענען אַרויס פֿון שול איז שוין דער וועטער ווידער געוואָרען שײן, דער הימעל לויטער, די לופֿט פֿריש און וואַרם, די שטערן האָבען געפֿינקעלט און געשמײכֿעלט אַזוי פֿרײַנדליך.

נאָך שענער האָט אויסגעזעהן דער הימעל, נאָך רײצענדער

האָבען געוואונקען די שטערן דורך די שיטערע לאַפּקעס סכך אין סוכה.

— גאָט האָט צוגעזעהן יודישע האָרעוואַניע, — האָט די מאַמע געזאָגט.

אָבער איך האָב וועגען גאָט ניט געקלערט. דער בלויער הימעל מיט די בלינקענדע, ציטערנדע שטערען האָבען מיך אָנגעפילט מיט גליק, געגאָסען אין מיין קינדערשע האַרץ אונאויסדריקליכע פריידע און לוסט.

„דער פּתּום“.

ווילט איהר וויסען, ווי אַזוי די מעשה איז געשעהען? וועל איך אייך אָנהויבען פֿון אָנהויב.

איך בין געגאַנגען מיט'ן טאַטען קויפֿען אַ אֶתרוג מיט אַ לולב... וועט איהר דאָך פֿרעגען: פֿאַר וואָס איז עפּעס דער טאַטע געגאַנגען מיט מיר קויפֿען אַנ'אֶתרוג מיט אַ לולב? און ווי קומט דאָס גלאַט צו אונז, אַז מיר זאָלען האָבען, זאָלען וועלען האָבען אַנ'אייגענעם אֶתרוג מיט אַ לולב?

זייט איהר טאַקע גערעכט, אויב איהר פֿרעגט דאָס. וואָרום באֱמת האָט מיין טאַטע אויפֿ'ן לעבען קיין אייגענעם אֶתרוג מיט אַ לולב ניט געהאַט. און קיינער האָט ביי אונז אויפֿ'ן ברעג ניט געהאַט קיין אייגענעם אֶתרוג מיט אַ לולב. דער שמש פֿון ברעג=שול פֿלעגט ברייננגען אַלע טאָג פֿאַר'ן דאַוונען. דאָס איז געווען פֿאַר אונז, קליינ=וואַרג, פֿאַר די ווייבער. דער טאַטע פֿלעגט שוין קריגען אין שול, פֿלעגט בענטשען אויפֿ'ן קהל'שען אֶתרוג.

ווי קומט אָבער פֿאָרט צו אונז אַנ'אייגענער אֶתרוג? וועט איהר פֿרעגען. וועל איך אייך פֿרעגען: ווי קומט צו אונז אַ פֿינף און צוואַנציגער? טאַקע אַנ'אֱמת'ער פֿינף און צוואַנציגער מיט אַלע קאָלירען און מיט אַלע צאַצקעס? האָט איהר זיך ווען געריכט, אַז מיין טאַטע זאָל האָבען אַ נייאינקען פֿינף און צוואַ=אַנ=ציגער?

און מיר האָבען איהם דאַמאָלס געהאַט. אַז איהר ווילט, וועל איך זיך שווערען. אַ נייאינקער, אַז ס'האָט זיך געבראָכען...

— וואו מיר האָבען איהם גענומען?

— ער איז אָנגעקומען מיט פּאָסט פֿון פֿעטער. אַ פֿעטער האָב איך געהאַט ערגעץ וייט,וייט, ניט אין אַמעריקאָ, נאָר אַנדערש וואו. האָט ער אונז געשיקט.

ווילט איהר וויסען: וואָס האָט מען געטהאָן פֿאַר דעם פֿינף=און=צוואַנציגער?

מעלט אייך: עס איז געווען, אויף וואס אויסצוגעבען. צעהן רובל דירה־געלד—פאר א פערטעל יאהר; דריי רובל דעם רבי׳ן; דער מאמען א פאציילע, דעם טאטען א היטעל און שטיוועל, מיר א היטעלע מיט א פאר שיך; דער קרעמערקע; דעם קצב... היינט איז דאך געגאנגען אזא יום־טוב, א סכות! ניין טעג, עפעס א קליי־ניגקייט??!

לויט דעם חשבון, וואס דער טאטע מיט דער מאמען האבען געמאכט, האט נאך געזאלט אויספעהלען עטליכע רובל צום יום־טוב. נאר דער טאטע האט זיך איינגעשפארט: אז דער אויבערשטער האט איהם געהאלפען, ער האט די „צרכי החג“, די בעדערפניש פון יום־טוב אהן קאפ־דרעהעניש, מוז ער ארויפשלאגען זיך אויף אנ׳איי־גענעם אתרוג. אליך אויפ׳ן גוף? אויפ׳ן חומר? זאל דער רבונו־של־עולם אויך הנאה האבען...

נו, זענען מיר געגאנגען קלייבען אנ׳אתרוג. איך מיט׳ן טאטען. געוועהנליך, פערשטעהט איהר, אז מיך האט ער ניט גענומען אויף מבינות, אלא וואס דען? — מחנך צו זיין אין א מצוה. ווארום אנ׳אתרוג מיט א לולב, האט ער געזאגט, איז גאר פון די הויכע מצות! גאר פון די הויכע...

— קומט אריין צו אונז! א הער! א הער! מיר האבען מהודרים! גוטע אתרוגים, אמת׳ע קארפירער! יאפער מהודרים! א הער: א הער!

מיר האט שטארק הנאה געטהאן, וואס מ׳שלעפט אונז אין די קראמען, דער א הין, דער א הער. עפעס האב איך געקראגען דרך ארץ צו זיך אליין. מעשה סוחרים...

איך וועל אייך קיין פולע ניט מאריך זיין, וויפיעל קראמען מיר זענען דורכגעגאנגען, וויפיעל אתרוגים און לולבים און הדסים און ערבות מיר האבען איבערגעהאלטען אין די הענד, דאס הייסט, ניט איך, נאר דער טאטע. איך האב נאר אויסגעשטעלט א פאר אויגען און האב געקוקט. קורץ: מיר האבען, ברוך השם, געקראגען אין איין קראם די סחורה פאר אכט גילדען דעם גאנצען גאנג. דער טאטע האט מיר געגעבען אין איין האנד דעם לולב, אין דער אנדערער דעם אתרוג און מיט געמאסטענע טריט זענען מיר געגאנגען א היים. מיין הארץ איז געווען פול מיט פרייד, זיינע אויגען האבען געשיינט...

— פאמעלעך, ווי דו טראגסט, מיין זוהן, פאמעלעך! דעם „פטום“... זאלסט חלילה ניט אבברעכען... ס׳וועט זיין פסול...

דעם גאנצען וועג האט ער מיר דערמאהנט: פאמעלעכקע... דעם פטום... זעה, ווי דו טראגסט...

ער האט מיר אנגעוויזען אויף דעם גרעבערען שפיץ פונ׳ם

אֶתרוג: אָט דאָס איז דער „פּטום“. אַז מ'ברעכט דאָס אָב, טאָר מען קיין ברכה ניט מאַכען... דער גאַנצער אֶתרוג איז פּסול.

איך בין געגאַנגען און געציטערט — פון פרייד און פון שרעק. דער גרינער אֶתרוג, די וואונדערליכע פּרי, מיט די הערבעלעך, מיט דעם געשמאַקען ריח — האָט אָנגעפילט מיין ברוסט מיט אַ געפיהל פון עפּעס וואונדערליכעס, געהיימעס, פרעהליכעס. נאָר ווי איך פלעג אַ קוק טאָן אויפ'ן שפּיץ, פלעגט מיר איינפאַלען דאָס האַרץ פאַר שרעק...

— פּאַמעלעכקע... דעם פּטום... האָט מיר געקלונגען אַלע ווײַלע דעם טאַטענס וואָרנונג.

אין אַ שעה אַרום האָבען אַלע אויפ'ן ברעג געוואוסט, אַז מיר האָבען אַנ'איינענעם אֶתרוג. קיין וואונדער איז דאָס ביי קיינעם נישט געווען. פון די 25 רובל האָט שוין געוואוסט גאַנץ ברעג, נאָך איידער מ'האָט עס אַראָבגענומען פון פּאָסט. דאָס איז געווען אַזאַ גרויסע געשעהעניש ביי אונז אויפ'ן ברעג, אַז צוליעב אָט דער מעשה האָט מען שוין מיין טאַטען אַ נאָמען געגעבען „דער נייער נגיד“ און שכנים און שכנות פלעגען אָפּט אַריינקומען בעטען אַ גמילות=חסד אַ צעהנערל, אַ גריוונע.

אַז איך האָב צוגעטראָגען דעם אֶתרוג מיט'ן לולב צום שטוב, האָט דער טאַטע נאָך אין פאָרהויז צוגענומען ביי מיר פון האַנד דעם אֶתרוג, אַרומגעקוקט איהם וויעדער פון אַלע זייטען, בעטראַכט דעם פּטום, צי איז ער אינגאַנצען, און מיט גרויס הנאה און זעהר פאָרזיכטיג אויסגעבעט די בלויע גלעזערנע צוקערפּושקע מיט די פלאַקס, און, ווי אַ מוטער לעגט איין איהר ערשטלינג אין וויגעלע, מיט אַזאַ ליעבשאַפט האָט ער אַראָבגעלאָזען דעם אֶתרוג אין דער צוקערפּושקע.

אין אַ מינוט אַרום האָבען אָנגעהויבען צו געהן די שכנים צו אונז אין שטוב אַריין בעטראַכטען דעם אֶתרוג און זאָגען אויף איהם מבינות. דער טאַטע האָט קיינעם ניט געלאָזען צוריהרען זיך צום „מהודר“. נאָר ער אַליין האָט פייערליך, פּאַמעלעך, אָנכאַפּענדיג איהם מיט צוויי פינגער פאַר'ן בייכעל און יעדעס מאָל, ביים אַרויס־נעהמען און ביים אַריינלעגען, איינקוקענדיג זיך אין פּטום, געוויזען יעדערן און געקוקט מיט גליקליכע אויגען, ווי יענער געהט אַרום דעם אֶתרוג פון אַלע זייטען, בעטראַכטענדיג איהם מיט בליקען פול מיט קנאה און ניט וואַגענדיג צוריהרען זיך מיט די הענד.

איינ̇יגע האָבען פאַרגעלעגט, אַז זיי ווילען צושטעהן צו אַ חלק; אַנדערע האָבען געבעטען, מ'זאָל זיי ערלויבען אריינצולויפען בענשען אתרוג. ווארום דער איז געווים בעסער פאַר'ן שמש'ס פ̇יער גילדענדיגען „אוגעראַק", ווי זיי האָבען אָנגערופען דעם ב̇יליגען קהל'שען אתרוג, וואָס דער שמש פ̇ון ברעג־שול פלעגט אומטראָגען די אָרעמע בעלי־בתים.

מיין טאַטע האָט זיך אַפ̇ילו געקווענקעלט, נאָר די מאַמע האָט צוגעזאָגט די מאַמע נאָהענסטע שכנים, און האָט שטאַרק הנאה געהאַט דערפון, וואָס זי איז יעצט דער מ̇יטעלפונקט פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. אויך אַ פאָר שותפים: גרונם דעם שמוקלער און בערל דעם מלמד האָט דער טאַטע אַליין מסכים געווען, ווייל מ̇יט זיי האָט מען געמוזט ז̇יצען צוזאַמען אין סוכה. מ'האָט אָבגעמאַכט, אַז מזומן צאָהלען דאַרף מען נ̇יט — נאָר דערפאַר זאָלען זיי אַליין קויפען אויף דער סוכה לאַטעס און סכך.

נאָך די גרויסע זענען געקומען אָבגעבען אַ וויז̇יט דעם אתרוג מ̇יינע יאַטען, חברה, פון ברעג, וועלכע האָבען, פערשטעהט זיך, פריהער פון אַלעמען געוואוסט פון דער גרויסער געשעהעניס. נאָך בשעת איך ב̇ין געגאַנגען צוריק מ̇יט'ן אתרוג האָבען מיך הענדעלע „פיפקע", „בולקע" און חעמעלע „קאַרנאַץ" אָבגעוואַרט אויפ'ן בר̇יק און געוואָלט בעטראַכטען דעם „מהודר" מ̇יט'ן לולב, מ̇יט אַלע ז̇יבען זאַכען. נאָר זיי האָבען מורא געהאַט פאַר מיין טאַטען און מ'האָט יוצא געווען נאָר מ̇יט געבען מ̇יר אַ „ה̇ינטער־פלעצ̇יל", וואָס דאָס האָט געהייסען אַלץ איינס, ווי: „מ̇יר וועלען קומען שפעטער".

עס פערשטעהט זיך, אַז חברה האָט דערה̇יט אַזאַ רגע, ווען טאַטע־מאַמע זענען אין דער היים נ̇יט געווען. איך זאָל אייך אויסרעכענען: ווער עס איז געווען, איז אַנ'אוממעגל̇יכע זאַך. פרעגט ז̇יך: ווער איז נ̇יט געווען? אַפ̇ילו כאַל̇ימאָנקע, דער שייגעץ, וועלכער פלעגט מ̇יט אונז פ̇יהרען שטענד̇יג מלחמה, האָט היינט̇יגען טאָג שלום געמאַכט און האָט אונטער פענסטער גע'גנב'עט אַ קוק אויף דער „מאָדנער זשידאָווסקער „באָהאָמאָלנע יאַבקאָ אי וויענ̇יק". פאַר אַזוינע „וואָכעד̇יגע נעמען" האָט ער, מעלט אייך, שפעטער געקראָגען קלעפ. אָבער איצטער האָבען מ̇יר קיין צייט נ̇יט געהאַט מ̇יט איהם אָבצורעכענען ז̇יך און געלאָזען איהם קוקען, וויפ̇יעל ער וו̇יל.

איך מוז אייך זאָגען דעם אמת, אַז, ווי איך האָב אַ קוק געטאָן אויף חברה, האָט מ̇יר גלייך אַ ליאָקע געטאָן אין האַרצען. איך האָב מיך פאַר קיינעם אַזוי נ̇יט געשראָקען, ווי פאַר „בולקען".

בײַ מיר איז רעכט געװען, ער זאָל אַ בּיסל טאָן דעם פּטום. װאָרום אויף „בּולקען“ איז געװען אַלץ צו גלויבּען.

איך האָבּ מיך געפּילט זעהר שטאַלץ און האָבּ מיט פײַער־ליכקייט און װיכטיגער גרױסקײַט אַרױסגענומען דעם „מהודר“ פֿון די „װיקעלעך“ און געװיזען די יאַטען די װײַטען, פֿון אַלע זײַטען געװיזען, און אַזױ אױסגערעכענט, אַז כאַלימאַנקע, פֿון יענער זײַט פֿענסטער, זאָל אױך קענען זעהן. דאָס איז בײַ מיר געװען אַ מין גרױסמוטיגקײַט פֿון צופּיעל גליק: אַט זאָל כאַלימאַנקע אױך הנאה האָבּען.

צוריהרען זיך צום אתרוג האָבּ איך פֿונדעסטװעגען קײנעם ניט געלאָזען. עס האָט מיר געקלונגען אין די אױערן דעם טאַטענס פֿאַרזאָג.

נאָר אַלעס איז צוגעגאַנגען גוט. מיר האָבּען געשטעלט „אַ שמירה“ אין טױער, און חבֿרה איז שױן געװען בּאַלד פֿאַרטיג מיט דער רעװיזיע אי אױפֿ'ן אתרוג, אי אױפֿ'ן לולבֿ, אי אױף די הדסים, אי אױף די ערבֿות. מ'איז נאָך ניט געװען פֿאַרטיג מיט די „פֿינגערלעך“ אױפֿ'ן לולבֿ, אױף װעלכע מ'האָט זיך אָבּגעשטעלט פּיעל לענגער. װאָרום, פֿערשטעהט איהר מיך: די פֿינגערלעך האָבּען געהאַט צו חבֿרה אַ שטאַרקע שײַכות. הושענא רבה, בּאַלד נאָכ'ן דאַװנען, האָט דאָס געהערט צו חבֿרה. די יאַטען האָבּען דערױף געקוקט, אין אַ געװיסען זין, װי אױף זײער אײגענס. מ'האָט זיך שױן געדונגען, װאָסער רינגעלע װעמען זאָל אָנקומען. עס איז שױן כּמעט געװען אַלעס אָבּגעמאַכט. ערשט...

נאָר װאָס װײַטער איז געװען איז מײַן פּען צו שװאַך צו בּע־שרײַבּען. מײַן האַרץ האָט מיר געליאַקעט ניט אומזיסט. חבֿרה האָט שױן גענומען אַװעקגעהן, און װי זײער שטײגער איז געװען, „בּתופּים וּבמחולות“, מיט פּויקען און מיט טענץ נאָך דעם נוסח פֿון סעזאָן. פֿײַװקע האַליאַװע, „פּומפּעלע“, הערשעלע בּאַנדורע האָבּען אַ כאַפּ געטאָן: װער דעם בּעזים, װער די לאָפּעטע, װער די קאָצערע, און מיט געשרײַען: „אָנאָ אַדױשעם הו—שי—ע—עה נאָ—אָ!“ געװאָלט אַ לאָז טאָן זיך אױפֿ'ן הויף מיט הקפֿות....

ערשט...

בּולקע האָט געגעבּען אַ שפּרונג צו דער צוקערפּושקע, האָט אַ כאַפּ געטאָן, װי אַ טײַװעל, דעם אתרוג אין אײן האַנד, אין דער אַנדערער האַנד דעם לולבֿ, און זיך אַ לאָז געטאָן פֿאַראױס, װי אַנ'אמת'ער חזן.

איך װײס ניט, װאָס מיט מיר איז דאַמאָלס געשעהן. איך

האב געמאכט א ליארם: אי! אי! אי! אלע נאך מיר אויף בולקען: בולקע! א קלאג נאך דיינע יאהרען! א מכה דיר אין פיסק! לעג אוועק! גנב! קעשעניק! בולאין!

עס איז געווארען א בהלה, א געשלעג. מ'האט ארויסגעריסען ביי בולקען דעם אתרוג און אריינגעלעגט צוריק פאוואליע אין צוקערפושקע.

אלע זענען ארויס, ווי פער'גנב'עט, ווי אבגעגאסענע איינציגווייז, און צוקראכען אין אלע זייטען. איך בין געבליבען אליין, ווי א בעטויבטער.

און אז איך בין געקומען צו זיך און האב מיך א ווארף געטהאן צום „מהודר“, האט מיך אבגעגאסען אין גאנצען, ווי מיט הייסע בליי...

דער אתרוג איז געלעגען נאקעט, אבגעדעקט, אהן א פטום... דאס הייסט דער פטום איז יע געווען, נאר אבגעריסען און איז געהאנגען נאר אויף א פאר קורצע פעדימלעך.

דער אתרוג האט ביי מיר יעצט אויסגעזעהען ווי א טייערער „בר=מינן“, וועלכען איך האב אליין דאס לעבען גענומען.

זאל איך אייך דערצעהלען, וואס ווייטער איז געווען? זאל איך אייך אבמאלען דעם טאטע=מאמעס שרעק און פערצווייפלונג? זאל איך אייך שילדערן דעם פערהער, דעם משפט, די קלעפ, וועלכע זענען דערביי געפאלען?...

וואס מיר האבען בעקומען און וואס מיר האבען דאן איבערגעלעבט, קען בעגרייפען נאר דער, וואס איז אליין א מאל געוועזען א „יאט“ ביי אונז אויפ'ן ברעג...

נאך הושענות!

נאך פון פאר סוכות אן האבען מיר זיך שטארק מכין געווען צו דעם מארש נאך הושענות. מיר האבען אבגעהאלטען כמעט יעדען טאג אסיפות און ארומגערעדט אלע איינצעלהייטען פון דעם ווייטען מהלך. דער וועג איז געווען אזוי וויים און די אונטערנעהמונג אזוי שווער, אזוי פול מיט סכנות, און צו דער זעלבער צייט, אזוי אנציהענד, אזוי רייצענד, אז שוין דאס רעדען אליין וועגען דעם איז געווען פון העכסטען אינטערעס.

ערשטענס האט מען געדארפט בעשטימען: מי ומי ההולכים — וועלכע „יאטען" זענען די געהער, און דאס איז געווען ניט קיין קליינע פראגע: אין אזא וועג, ווי עס איז פארגעשטאנען צו געהן, האט מען ניט געקאנט פיהרען א געשעפט מיט „פיזשיקעס", א שטייגער ווי „פאה=קאפאטקע", אדער ווי „קירבעס". דא האט מען געמוזט האבען „יאטען" טאקי וואס יאטען הייסט. מען האט געדארפט קלעטערן איבער פארקאנעס, קריכען אין בלאטעס, אין זומפען, ביז די קניע אין וואסער; מען האט געדארפט זיך גנב'ענען דורך גערטנער, דורך גריבער, דורך זייטיגע הויפען און געסלעך; מען האט געמוזט האבען בעגעגענישען מיט הינד, מיט שקצים און מיט יאטען פון אנדערע חברות, וועלכע זענען געווען, ניט ווייניגער פון שקצים, גרויסע בעלנים צו קריכען אין א געשלעג. דערצו האט גלאט ניט געלוינט צו האבען א צוגרויסע קאמפאניע, ווארום געהן נאך „הושענות" איז געווען א געלד=עסק. ס'פערשטעהט זיך, אז וואס ווייניגער שותפים, אלץ מעהר איז דער ריוח.

עס איז אנגעקומען דער פיערטער טאג חול=המועד. נאך אין די בעטען האט יעדערנ'ס הארץ געציטערט און געשפרונגען פאר פרייד. די פאנטאזיע האט געמאלט די אונטערנעהמונג פון היינטיגען טאג אין געהיימניספאלע ענטציקענדע בילדער. מיר האבען נאר געבעטען גאט, אז דער טאג זאל זיין א שענער, קיין רעגען זאל ניט

געדן. איבעריגענס האָט אונזער חבֿרה פֿאַר רעגען קנאַפּ וואָס מוֹרא געהאַט: געגאַנגען איז מען באָרוועס און די שמאַטעס, וואָס מען האָט געטראָגען, האָבען פֿון רעגען נאָר געקאָנט אָבגעוואַשען און ריינער ווערען.

נאָך געכטען אין אָוועַנד איז אַלץ געווען כמעט פּיקס און פֿערטיג צו'ם מאַרשרוּט. מען האָט צוטיילט די מחנה אין „סוהאָפּוּט“ — פּשוּט'ע פֿוסגעהער (אינפֿאַנטעריע בלשון יונים), „קאַוואַלעריע“ (ריי־טער) און „אַרטילעריע“ („יאַטען“ מיט האַרמאַטען). די פֿערד זענען ביי אונז געווען ניט קיין שטעקענס — פֿע! פֿאַר הילצערנע כלומרשט־דיגע פֿערדלעך זענען מיר שוין געווען צו גרויס — מיר זענען דאָך שוין געווען „גמרא־בחורים!“ אונזערע פֿערד זענען טאַקי געווען לעבע־דיגע, אמת'ע... יאַטען. מיין פֿערד איז געווען „בולקע“, און ער האָט אַזוי פֿיין געשפּרונגען „גאַלאָפּ“, אַזוי מוֹרא'דיג און גאוה'דיג געפּירקעט און געהירזשעט, אַז דער בעריהמטער סקאָבעליאָוו'ס ווייסער פֿערד האָט געמאָגט זיין פֿאַר איהם אַ כפּרה. די אַרטילעריע זענען געווען יאַטען מיט שטיינער אין די קעשענעס, מיט ריטער און שטעקלעך און לאַפּקעס סך, וואָס מיר האָבען מיט אַ כיון צו „גע־לאַטכענט“ פֿון די סוכּות.

אויסער דער דאָזיגער מחנה, האָבען מיר נאָך געהאַט „לוגער“, וואָס האָבען געדאַרפֿט געהן ביי די זייטען און „לוגען“ אָדער „סאָצען“, צי עס געהט ניט אויף אונז אַ „זלאָב“, ד. ה. אַ פּאָליציאַנט, צי אַ שייגעץ, צי אַ פּשוּט'ער יאַט פֿון אַ פֿרעמדער מחנה. די לוגער זענען געווען בעזונדערס וויכטיג, בשעת מיר האָבען געדאַרפֿט אַריבער־געהן דעם „ים־סוף“, ד. ה. קלעטערן איבער די פּאַרקאַנעס. נאָר דער ערגסטער שונא, פֿאַר וועלכען זיי האָבען אונז געדאַרפֿט וואָר־נען, זענען געווען — הינד.

דעם פֿירטען טאָג חול המועד אין דער פֿריה זענען עטליכע פֿון אונז אַרויסגעשפּרונגען פֿון שטוב (איך האָב געוואָלט זאָגען: פֿון די בעטען, נאָר אַזאַ אויסדרוק וואָלט געווען ניט ריכטיג, וויַיל אַ סך פֿון אונזער חבֿרה האָבען, צווישען אונז גערעדט, געשלאָפֿען אויף דער ערד, אויף בענקלעך, אָדער אויף דער לעזשאַנקע) אַרויסגע־שפּרונגען ניט טויט ניט לעבעדיג. עס איז אָבער נאָך געווען צו פֿריה: אויפֿ'ן בערג איז נאָך קיין נפֿש ניט געווען. מען איז אַריינגעלאָפֿען צוריק אין שטוב, איילענדיג אָבגעוואָסען נעגעל־וואַסער, אַריינגעהום־זשעט די ברכה, אָוועקגעהאַפּלאַפּט דאָס דאַוונען. פֿון גרויס איילעניש האָבען מיר אַפֿילו די ציצית ניט געקושט, קיין הלל ניט געזאָגט.

אַפילו „עלינו לשבח“ ניט אָבגעזאָגט אינגאַנצען, נאָר אויסגעשפּייט און — מאַרש!

אויפ'ן ברעג איז געוואָרען לעבעדיג. באָיטרע מזיק — אונזער סקאָבעליאָוו איז שוין געשטאַנען און געמושטרירט דאָס היל. באָיטרע מזיק איז געווען אַנ'אמת'ער „קעשעניק“. עס איז געווען אַ דעה, אַז באַלד נאָכדעם, ווי ער פּלעגט זיך אַ לאָז טון דורך די מוטערלעך אין אַלטען מאַרק, פּלעגט ווי דורך אַ כשוף אַריינפאַלען צו איהם אין קעשענע אַנ'עפּיל, אַ באַר אָדער אַ פּלוים, און מען האָט אונטערגערעדט, אַז אין דעם זענען שולדיג געווען טאַקי זיינע אייגענע הענד, האָטש ער פּלעגט זיך אָבשווערען „תּלוי'ס געבּיין“, אַז ער ווייס ניט פון וואָס צו זאָגען. אַ גאַנץ יאָהר האָבען מיר מיט איהם דערויבער ניט געהאַנדעלט; נאָר היינט האָבען מיר קיין אַנדערע ברירה ניט געהאַט, און מיר האָבען געשיקט נאָך איהם אויף יענער זייט בריק אַ שליח מיוחד. באָיטרע מזיק איז ווירקליך געווען פאַר אונז ביי דער היינטיגער עקספּעדיציע אַנ'אמת'ער אוצר, וואָרום האָטש ער איז געווען אַ שטרענגער „יענעראַל“, ער האָט געמזק'ט פאַר יעדער ברעקעל, ווער עס האָט נאָר עובר געווען די „יונישע“ דיסציפּלין, דערפאַר אָבער זענען מיר מיט איהם געווען זיכער פאַר „בעזע חיות“, פאַר „עמלקים“, פאַר אַנדערע חברות, ווי אונטער אַנ'אייזערנע וואַנד. ביי דער חלוקה מיט די „הושענות“ איז ער געווען ערליך, האָט געטיילט מיט אַ יושר.

אַלץ איז שוין געווען פערטיג. מ'האָט נאָר געדאַרפט האָבען „צדה לדרך“—פּראָוויאַנט אויפ'ן וועג, וואָרום די עקספּעדיציע איז געווען אויף אַ גאַנצען טאָג, און דאָס רוב פון אונז האָבען קיין אָנבייסען אויך ניט געגעסען.

האָטש ערשט ניט לאַנג איז געווען יום כּפּור, נאָר היינט האָט מען מתּיר געמאַכט גנבה. יעדערער האָט געמעגט גנב'ענען ביי זיין מאַמען ברויט און ציבעלע און הערינג וויפיעל ער האָט נאָר געקענט. נאָר געלד ניט. געלד האָט יעדערער געדאַרפט אָנקלייבען פריהער פון אָנבייסענס — אויף עפּיל און באַרען. וואָרום אין וועג האָט מען געלעבט אַ גוטען טאָג. נאַטירליך קען איך ניט ערב זיין, אַז מאַרשירענדיג פאַרביי אַ סאָד האָט זיך חברה איינגעהאַלטען און ניט אַראָבגעקלעפּט עטליכע עפּיל פון די בוימער. דאָס האָט ליידער געטראָפען און ניט זעלטען האָט מען דערפאַר בעצאָהלט מיט די זייטען...

אונזער וועג פון הושענות איז געווען איינע פון די מערקווירדיגסטע פּאַסירונגען אין אונזער יונגעלשען לעבען, אויף דעם זענען פערשריבען גאַנצע בלעטער אין אונזער חדר'שען פּנקס. נאָר איך

חעל דאָס דאָ מאַכען בקיצור. דער עיקר אינטערעס איז געווען בײ אונז דאָס, וואָס מיר זענען אַרויס פון דעם קלײנעם תהום פון אונזער ברעג, וואָס מיר האָבען דאָ צום ערשטען מאָל געמאַכט בעקאַנטשאַפט מיט נײַע גאַסען און געסלעך, מיט סאָדען און גערטנער, מיט נײַע יאַטען, מיט נײַע הינט... קורץ מיט אַ נײַער וועלט; און דאָס וואָס מיר האָבען געפיהלט דאַמאָלסט, מאַרשירענדיג וויאָרסטענלאַנג דורכ'ן שטאָדט און אונטער'ן שטאָדט, זעהענדיג איבער אונז דעם ברײטען, ווײַטען קײַלעכדיגען הימעל אָהן אַ סוף, אָהן אַ ברעג, און אַרום אונז אַזוי פיעל נײַע גאַסען, נײַע מענשען, — מוז דאָס פיהלען יעדער רײַזענדער אַרום דער וועלט. נאָר געוויס האָט קאָלומבוס מיט זײַנע מאַטראָזען ניט געפיהלט אַזאַ ענטציקונג, אַזאַ שטורמדיגע פרײדע אין האַרצען, בשעת זײ האָבען צום ערשטען מאָל דערזעהן פון ווײַטען אַמעריקאַנער יבשה און אַ געשרײ געטון: ערד! ערד! ווי אונזער חברה האָט געפיהלט בשעת עמיצער פון די יאַטען האָט דער ערשטער דערזעהן אין עק שטאָדט, בײַם טײַך, לעבען וואַלד, די קוסטעס מיט די שענינקע, ליעב-רויטינקע ריטעלעך מיט די גרין און געל-געשפרינקעלטע בלעטעלעך, און אַ געשרײ געטון: יאַטען, הושענות!

באָיטרע מזיק האָט געגעבען אַ „פריקאַז", אַז מען זאָל זיך צוזעצען. חברה האָט זיך צוזעצט. מען האָט אַוועקגעלעגט די כלי-זיין, אַ רויסגענומען די האַרטש און געמאַכט די סעודה. מען האָט אַלעמען געטײלט גלײַכע חלקים: ברויט, הערינג, קעז, ציבעלע, עפעל, און פערטרונקען מיט פרישע וואַסער פון טײַך. אַז דער וועטער איז געווען וואַרם האָט זיך חברה פריהער טובל געווען אין טײַך, דערנאָך האָט מען זיך גענומען מיט די מעסערס שנײַדען די ריטלעך מיט שמחה און מיט גרויס כונה.

געוועהנליך איז די שמחה ניט אַלע מאָל געווען אונגעשטערט. עס פלעגט טרעפען ניט זעלטען, אַז אַ שטאַרקערע אָדער אַ גרעסערע חברה פלעגט אָנקומען אויפ'ן זעלבען אָרט מיט די זעלבע קוסטעס פון הושענות, און עס פלעגט אַרויס אַ מוראדיגע מלחמה. אונזערע, מיט באָיטרע מזיק אַן דער שפיצע, פלעגען זיך אין קריוודע ניט לאָזען, און ניט אײנער — פון בײדע מחנות — פלעגט קומען אַהײם מיט אַ צוריסענער היטעל, אַ צודראַפּעטען פנים און אַ צושלאָגענעם נאָז... נאָר אָהן הושענות פלעגט מען אַהײם ניט קומען. דאָס רוב פלעגט מען דורכקומען מיט אַ פשרה. די רעכטע צרה, פאַר דעם וואָס האָט געקראָגען **סמנים פון דער מלחמה, איז גע**וועזן קומענדיג אַהײם. מען פלעגט זיך ניט קענען ווײַזען פאַר דעם

שמאַטען מיט דער מאַמען. נאָר אַז דער טאַטע און די מאַמע פּלעגען
דערזעהען די שענע, די גראָבע הושענות, וואָס מען האָט פֿאַר זיי
ספּעציעל געבונדען, פּלעגען זיי אָבגעהן פֿון כעס אויף גיך און פֿער־
געבען אַפילו עבֿרידיגע עבֿרות. און אַז די מאַמע פּלעגט אַ וואָרף טון
אַנ'אויג אויף איהר הושענה און זאָגען מיט אַ כלומר'שט בייזען נגון:
מה־שמוניקעס! שיבעלניקעס! קיין זאַך איז זיי נישט צו קליין! גע־
הערט אַנ'אַקט! אין וואַלד, אַן עק שטאָדט געשלעפּט זיך נאָך
הושענות! — איז דאָס געווען אַ סימן פֿון — סלחתי! און דער טאַט
מיט דעם צושלאָגענעם נאָז פּלעגט שוין אַרויס איפּ'ן ברעג מיט אַ
טריומף, מיט נצחון, און בערימען זיך פֿאַר חברה: אַהאַ! גאָר
נישט געטאָן, ווי איך בין אַ יוד!

איך דאַרף נאָך איבערגעבען, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין
וואַלד נאָכ'ן שניידען און בינדען די הושענות; ווי אַזוי עס איז גע־
גאַנגען דער וועג צוריק אין שטאָדט; ווי אַזוי מען האָט געפֿיהרט
דעם מסחר פֿון די הושענות איפּ'ן שול־הויף און אַרום שול־הויף;
ווי מען האָט זיך צעטיילט מיט דעם געלד, און וואָס מען האָט גע־
טאָן פֿאַר דאָס געלד; נאָר דאָס וועל איך אייך דערצעהלען, אם
ירצה השם, איבער אַ יאָהר.

שׂמחַת תּוֹרָה אױפֿ'ן בּרעג.

„עס זענען בײַ ייִדן ניט געװען אַזעלכע פֿרײלעכע טעג, װי די טעג פֿון שׂמחת בית השואבה".

אַט די װערטער פֿון דער גמרא זענען אָבער בײַ קינדער ניט געװען אַזױ ריכטיג װי בײַ אונזער חבֿרה אױפֿ'ן ברעג. אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָהר האָבען אונזערע „שטוקעס" געדאַט אַ נאָמען, אַ געװיסען צװעק, זענען געװען אַ מין סאָרט עסק רחמנא ליצלן, להבדיל װי בײַ די גרױסע. דאָס איז אָבער געװען נאָר אױף צוכלומרשט, אום צו קריגען אַנאױסרײד. עס פּאַסט דאָך ניט אַז חדר־ייִנגלעך, און נאָך אַזעלכע װאָס לערנען גמרא, זאָלען קונדײסען גלאַט אין דער װעלט אַרײַן. װאָס זענען מיר שקצים, װאָס? זײ, די שקצים, הײסט עס, מעגען, אָבער אַ ייִדישער ייִנגעל טאָר ניט. דאָס האָט מען אונז ניט אײן מאָל געזאָגט אין דער הײם און אין חדר. אָבער אױף צו להכעיס זענען אונזערע קינדערשע העמטלעך און פּיסלעך גאָר ניט געװען אײנ־געשטאַנען דערמיט. עס האָט זיך פּאָרט געװאָלט שפּרינגען און לױפֿען און „באַרוקען זיך" ניט װעניגער פֿאַר די שקצים. די נעמען: „ארץ ישראל", „מלחמה", „עמלקים", „פּלשתים", זענען געװען נאָר אױף צוכלומרשט. עס איז געװען פֿרײלעך אױף די הערצלעך און מ'האָט געדאַרפֿט געבען אַרבײַט די הענט מיט די פֿיס, אַט דאָס איז גאָר. און פֿרײלעך איז געװען אױף די הערצלעך, האָטש מ'איז געגאַנגען באָרװעס און נאַקעט; האָטש מ'האָט געשלאָפֿען אױף בענקלעך, צי אױף דער הױלער ערד; האָטש מ'האָט װאָכענלאַנג געגעסען ניט מעהר װי ברױט מיט הערינג אָדער ברױט מיט „פּאַרעװע" קרופּניק; האָטש אונזערע יונגע מוחות־לעך האָבען שױן געאַרבײַט אױף דעם װעלבינגען שטײַגער, װי בײַ די גרױסע, בײַ די טאַטעס און מאַמעס, און די קלײנע הערצלעך האָבען שױן געגריזעט און געטאַטשעט מיטעלע בעלײדיגונג און קרענקונג. אָבער די מוחות און די הערצער זענען דאָך געװען יונגע, און קױם זענען מיר נאָר אַרױס פֿון שטוב אױפֿ'ן ברעג, צי באָרװעס, צי מיט אַ פֿערלאַטעטען שוך, צי הונגעריג, צי מיט אַ

פֿערלאַטעטע קישקע, — אויפֿ'ן ברעג האָבען מיר אַלע קומערניס פֿון די גרויסע גיך אַרויסגעשלאָגען פֿון קאָפּ. ווי קאַרג און אָרם די נאַטור איז ניט געווען אַרום אונז — האָט זי דאָך ביי אונז געשפּיעלט מעהר ראָלע ווי דער חדר מיט דעם רבי'ן מיט אַלע צרות און קלעמעניש פֿון די גרויסע. די טייך, דער ברעג, די אַייער, די „חזיר'שע ריבעלעך" מיט די געלע בלימעלעך, די זון, די לבנה, אַ זשערעבעטשיק, אַ הינטעל, אַנ'ענדיק, אַ פּשוטע פֿאַרפֿאָרקע — האָבען אונז אַריינגענומען אין זייער מאַכט, פֿערכּישופֿט אונז, געמאַכט מיט אונז חברותא, און בשעת מיר האָבען מיט זיי געעסק'ט, האָבען מיר פֿערגעסען אויף אַלץ מיט אַנאַנדער.

אַ גאַנצען יאָהר אָבער האָבען מיר אונזערע קונדעסערייען געדאַרפֿט בעהאַלטען פֿון די גרויסע. ערשטענס: מיר זאָלען ניט האָבען אַ געשמאַקען „כּבוד"; און צווייטענס: ווייל אונזערע שטוקעס האָבען זיך טאַקי ווייניג געפּאַסט מיט די פֿער'דאַג'עטע, פֿאַר דער צייט צוקנייטשטע, פּנימ'ער פֿון די טאַטעס און מאַמעס. און דעריבער זענען אונזערע קינדערשע שמחות געווען ניט קיין גאַנצע שמחות.

גאַנץ אַנדערס איז אָבער געווען שמחת בית השואבה, צו די הקפֿות, און בעזאָנדערס שמחת תורה.

שטעלט אייך פֿאָר, אַז מיר האָבען אַ קוק געטאָן, אַז אונזערע טאַטעס — יודען מיט פּאות'ן און מיט בערד — נעהמען פֿון העלער הויט און געהען אַוועק אַ דריידעל: האָפּ! האָפּ! האַי-טי-דערידאַם! לעבעדיג-פֿרעהליך! — טאַטינקע-פֿאָטער! און אַלץ הייסט אַ דריידיל! טאַקי פּשוט ווי מיר, ווי אונזערע „יאַטען": פֿערקאַסערט די פּאָלעס, אַרויסגעלאָזען די אַרבע כּנפֿות'ן, צו-וואָרפֿען די פּאות, דער ברילק אָן אַ זייט — פּונקט ווי „בולקע", בשעת ער איז געוועזען מיין סטאַיענער פֿערד... און נאָך ווייניג וואָס אַליין האָצקען זיי זיך און דרעהען זיך, רופֿען זיי נאָך אונז, יאַטען, אויך אין קאַראַהאָד: אַהער! זושקע! ניאָמקע! לייבקע! האַצקעלע! אַריין אין קאַראַהאָד! לעבעדיג! פֿרעהליך!

פֿערשטעהט איהר דאָך, אַז מעהר האָבען אונזערע חברה-לייט ניט געדאַרפֿט, מיר האָבען זיך טאַקי שטאַרק ניט געלאָזט בעטען, און האָבען אַריינגעטראָגען אויך אונזער קאַפּעליע אין דעם אַלגעמיינעם קאָנצערט, אַזאַ קאַפּעליע, אַז די הימלען האָבען זיך געשפּאָלטען.

דער עיקר פֿון שמחת בית השואבה איז פֿערשטעהט זיך געווען — די הקפֿות, און דער עיקר פֿון די הקפֿות איז געווען דאָס דרייען זיך, און דער עיקר פֿון דעם דרייען זיך איז געווען דאָס,

וואָס די טענץ מיט די דרײדלעך זענען געווען אין שול, בפּרהסיא, פֿאַר אַלעמען אין די אויגען. דאַן איז ניט געווען קיין אונטערשיד צווישען ר' זרח יואל דעם גבאי און האַטשקע דעם וואַסער-טרעגער, נח דעם פּראָצענטניק — און הענעך דעם מלמד, צווישען גרויסע בערדיגע ייִדען און אַזוינע קלײנע „פּישיקעס“, ווי אונזער חבֿרה; אַז דאַן קענען זיך געפֿינען אין שול מאַנסבּיל מיט ווײַבער, בחורים מיט מיידלעך. אַלע אין אײנעם! האָפּ! האָפּ! לאַם-טי-דערי-דאָם!...

נאָר מ'קען ניט זאָגען אַז די שמחה פֿון שמחת בית השואבֿה איז געווען גאָר אַ פֿאָלקאָמענע. עס זענען אויך געווען וואָלקענס אויף אונזער לויטערן הימעל. בשעת מיר זענען געווען גאָר קלײנע „פּישיקעס“, איז אונזער עהרגייץ אויך געווען אַ קלײנער. מיר האָבען זיך בעגנוגענט דערמיט, וואָס מ'דאָט אונז אויך אַרײַנגענומען אין קאַראַהאָד; וואָס מיר האָבען געקענט הוקען, ליאַרמען, שפּרינגען גלײַך מיט די גרויסע און קײנער האָט אויף אונז דערפֿאַר ניט געשריען, ניט געשלאָגען. ווער רעדט, אַז מ'דאָט געקענט דערווײַזען אַ מעהר צו דער פֿאָהן און אַ ליכטעל צו דער מעהר — איז דאָס געווען די העכסטע שפּיצע פֿון אונזער יאַטישען גליק.

אָבער אַז מיר זענען גרעסער געוואָרען, איז אונזער עהרגייץ אויך גרעסער געוואָרען. איך געדענק, אַז אַ לאַנגע צײַט, יאָהרען לאַנג, האָט זיך אונזער חבֿרה אויפֿ'ן ברעג אַרומגעטראָגען מיט אַ אונערטרײַבאַרען אידעאַל. עס איז דאַמאָלס געווען אין מאָדע קינדערשע מאַנטעלעך מיט קעשענעס אין די פּאָלעס, איבען אויפֿ'ן האַרצען. קוקענדיג ווי די גבֿירישע און רײַכערע בעל-הביתישע קינדער פּראַנטעווען גאוה'דיג איבערן גאַס און אין שול — די הענד אין די בוזים-קעשענעס, האָט זיך טיעף אין האַרצען בײַ אונז פֿערגנבֿ'עט אַ קנאה צו יענע יונגלעך, און בײַ נאַכט ווען אַלע אַרום פֿלעגען שלאָפֿען, און קײנער האָט אונז ניט געשטערט, פֿלעגען מיר פֿאַנטאַזירען וועגען יענע מאַנטעלעך מיט די בוזים-קעשענעס, און פֿאָרשטעלען זיך, ווי גליקליך מיר וואָלטען געווען, אַז אונזערע מאַמעס וואָלטען אונז אויך קענען מאַכען אַזוינע פּאַלעטאָנטשיקלעך מיט אַזוינע בוזים-קעשענעס, מיט אַ פּאָס, און הינטען פֿאַרקאָרטשעט מיט צוויי קנעפּלעך, אַזוי ווי בײַ זיי, בײַ יענע גבֿירישע יונגלעך....

נאָר די קנאה פֿון יענע פּאַלעטאָנטשיקלעך איז געווען גאָרניט אַנטקעגען דער קנאה שמחת תורה, בשעת מיר פֿלעגען זעהן, ווי אַלע בעלי-בתּישע יונגלעך גיט מען ספֿר-תורה'לעך צוזאַמען מיט די גרויסע, און זיי געהען יהסנדיג, גאוה'דיג, מעשה מענטש, דרייען זיך אַרום דער בימה צוזאַמען מיט די גרויסע, און אַרום

אויף די בענק שטעהען געפּאַקט ייִנגלעך און מיידלעך, און אַלע בייגען זיך צו יעדער ייִנגערע, אַזוי ווי צו די גרויסע און גיבען אַ קוש די ספר־תּורהלע; און אַ מאָל, טאַקי ניט וועלטען, טרעפֿט, אַז אַ שיינע מיידעל בייגט זיך איין שטאַרק צום ייִנגעלע און, פֿלומרשט, אַזוי ווי ניט מיט אַ כּיוון, גיט זי אַ קוש אָנשטאָט די קליינע ספר־תּורהלע, דעם קליינעם ייִנגעלע, אָדער גיט איין קוש די ספר תּורהלע, און נאָך אַ קוש דעם ייִנגעלע, און אַלע ייִנגלעך און מיידלעך שטעהען אַרום און לאַכען זיך פֿאַנאַנדער: כאַ־כאַ־כאַ! כי־כי־כי! און די מיידעלע ווערט רויט, און דער ייִנגעלע ווערט רויט...

און מיר געהען אויך נאָך פֿון הינטען מיט די פּאָהנען, די פּאַפּירענע פּאָהנען, הינטער די ייִנגלעך מיט די ספר תּורות, און קיינער בויגט זיך ניט צו אונז, קיינער קימערט זיך ניט וועגען אונז...

פֿאַר וואָס זענען מיר ערגער פֿון זיי? וואָס זענען מיר שולדיג, אַז מיר געהען באָרוועס, אָדער מיט צעריסענע שיכלעך, מיט צעריסענע קאַפּאָטקעלעך?

אַמאָל פֿלעגט אונז אַ שיין טון דער גליק און מיר פֿלעגען אויך קריגען ספר־תּורהלעך. מיר פֿלעגען צושטעהן צום טאַטען, און דער טאַטע צום גבאי, צי צום שמש: גיט מיין ייִנגעל אַ הקפֿה. און דעם גבאי'ס צי דעם שמש'ס האַרץ פֿלעגט אַמאָל ווייך ווערען און געבען איינעם פֿון אונזערע יאַטען אויך אַ הקפֿהלע, דאַן איז אונזער פֿריידע געווען אין לשער. נאָר דאָס פֿלעגט טרעפֿען זעהר זעלטען. דאָס רובֿ פֿלעגט דער טאַטע אָבשטעהן אַ האַלבע שעה הינטער דער בּימה און זיינע שתּדלנות פֿלעגט גאָר נישט העלפֿען. דאָרום עס זענען געווען בילכערע פֿאַר אונז: ייִנגלעך מיט גאַנצע שיך און מיט גאַנצע קאַפּאָטקעלעך, וואָס זייערע טאַטעס פֿלעגען זיין שטיקלעך העהער אין שול און פֿלעגען זיך פֿאַר אַ רגל לאָזען צו דערקענען דעם שמש. און מיר פֿלעגען אַוועקגעהן ווי אָבגעשמיסענע און דער טאַטע פֿלעגט אונז טרייסטען, אַז „אם ירצה השם, איבער אַ יאָהר, וועט ער שוין געווים קריגען פֿאַר אונז אַ הקפֿה".

מ'קען ניט זאָגען, אַז די הקפֿות האָבען אונז אַ לאַנגע צייט געקימערט. דיזע בעליידיגונג, ווי יעדע אַנדערע בעליידיגונג, האָבען מיר שנעל פֿאַרגעסען און מוחל געווען דעם גבאי און דעם שמש און די ייִנגלעך מיט די גאַנצע קאַפּאָטקעס און נייע שיך. בפֿרט, אַז נאָך די הקפֿות, נאָכ'ן דאַווענען, שמחת תּורה ביי טאָג, איז געווען גענוג

ארבייט. ערשטענס האט מען געראַפּט צונעמען די לאַפּקעס פֿון דער סוכה און צינגבענען די לולבים און שמייסען זיך מיט זיי. צווייטענס האט מען געראַפּט אַרומשלעפּען זיך מיט די טאַטע־מאַמעס אויף כבוד. און דאס האט געדויערט שמחת תורה אַ גאַנצען טאג.. מקען ניט לייקענען, אַז די יום־טוב־דיגע כבודים, וועלכעט פֿיר זיך, ווענען פֿאר אונזערע פֿערדזנערטע יאַטען אויך געווען אַנ־אינטערעס, אָבער דאָך, דער עיקר פֿון דעם גערן „גוט יום טוב ביטען" שמחת תורה, איז ביי אונז געווען די מענץ מיט די האַפּקעס, מיט די געזאַנגען, און וועלכע מיר האָבען גענומען אַנ׳טייל גלייך מיט די גרויסע. גאַנץ אָפֿט פֿלעגען זיך די גרויסע מאַכען אַזוי נאַריש, טאַקי פּונקט ווי אונזערע יאַטען, און מיר פֿלעגען מאַכען מיט זיי „פּאַני־בראַט", אינטערגעבען זיי השק און ערלויבען זיך צו זאָגען דעות ווי אַזוי מען דאַרף אָבשטוקעווען אַזאַ און אַזאַ קוניץ. וואָרום אין הלכות שקאַצעריי וועגען זיי ביי אונז געווען פֿערדעכענט פֿאַר „יאָלדען" און מיר האָבען זיך געהאַלטען פֿאַר ספּעציאַליסטען, אַזוי, אַ שטייגער, האָבען מיר די גרויסע געלערנט ווי אַזוי צו גליטשען זיך ביי הענעך דעם מלמד אויף דער פּאָדלאָגע בשעת די „פּאַרטנאַסקע־טע" קאָמפּאַניע האָט זיך אַריינגעלאָזען צו אידם, און נאָכן ערשטען „גוט יום טוב" אויסגעזאָגען אין שטוב דעם צובער וואַסער און געמאַכט אַ גליטש.. ביי יונה דעם טאַנדעטניק האָט מען אָהן שאלות און מעלות, גלייך אַ נעהם געטאָן זיך צום אויבען (דאַמאָלס איז אויסגעפֿאַלען שמחת תורה—שבת) אַרויסגעשלעפּט די קישקע פֿון דער „טשאָרלע", זרח דער „קוואַסניק" האָט אָנגענומען ביי איין עק קישקע און בעריל דער וואַסער־טרעגער פֿאַר דעם אַנדערן עק און רייסענדיג די קישקע דער אַהין און דער אַהער, האָבען זיי געבורטשעט ווי צוויי קעץ, בשעת זיי רייסען זיך פֿאַר אַ שטיקעל דראָבישקע. אונזער חברה האָט זיך דאָ אַריינגעמישט און אויסגעוויזען מיט אותות ומופתים, אַז זרח דער „קוואַסניק" און בעריל דער וואַסער־טרעגער, בורטשען ניט ווי אמת׳ע קעץ, און אַז אונזערע יאַטען מאַכען דאָס בעסער, און דער גאַנצער עולם האָט געמוזט מודה זיין, אַז די „שקצים" האָבען רעכט.

אויסרעכענען אַלע שטיקעס וואָס מיר פֿלעגען אָפּטאָן צו־זאַמען מיט די גרויסע שמחת תורה, איז אַ זאַך וואָס איז אונמעגליך, אַז מען פֿלעגט זיך איינמידען קונדייסעווען און שפּרינגען פֿלעגט מען זיך נעהמען צו דער נגינה. ווי בעוואוסט האָט איטליכער יום טוב זיין בעזונדער מון. שמחת תורה אָבער איז הפקר וועלט. דאָ מישט מען אַ „שושנת יעקב" מיט „ונתנה תוקף", אַ וואָלאָכב מיט אַ

קאַזאַצקע, אַ „הנרות הללו" מיט אַ „חד גדיא", ידישע, און גויאישע לידער, וואָס עס פֿאַלט אַרויף אויפֿ'ן צונג. „פּאַד־קאַפּאַטקעס" טאַטע, דער חסיד, האָט געהאַט אַ נגון האַלב ידיש, האַלב גויאיש, וועלכען ער פֿלעגט זינגען אַלע שמחות תורה. דאָס ליעד געהט נאָכ'ן אלף בית — פֿריהער ידיש, דערנאָך גויאיש, דאָס ידישע פֿלעגט ער זינגען, דאָס גויאישע פֿלעגט צוזינגען די קאָמפּאַניע אין כאָר:

מי אַ־אַ־אַ־דיר אַמי־אי־תי —
אַדין באַ־אָך נאַ סוויטי!
מי בורא אַ־מי־אי־תי —
אַדין באָך נאַ סזיטי!
מי גואל אמתי, א. ז. וו.

מיין טאַטע האָט געהאַט אַנאַנדער ליעד וואָס ער פֿלעגט זינגען „סאַלאָ" און דער עולם האָט פֿון דעם שטאַרק הנאה געהאַט. דאָס איז געוועזן אַ ליעד פֿון דעם „פֿעטער עשו". דאָס ליעד האָט זיך אָנגעהויבען אַזוי:

עשו, עשו דיאַדקאַ נאַש
קאָרטשמי נע מי־אי־נאַיע;
פּיאָט וואָדקי נאַ פּראָפּאַסט
אי שטאַני זאַסטאַווליאַיע.

אין ידישער איבערזעצונג הייסט דאָס:

עשו, עשו, אונזער פֿעטער,
לאָזט ניט דורך אַ קרעטשמע,
טרינקט בראַנפֿען אָהן אַ מאָס,
און פֿערזעצט די פּלודערן.

אין גויאיש, פֿערשטעהט זיך, קומט דאָס אויס שענער....

אַזוי האָט מען געדולעט ביז עס איז געוואָרען פֿינסטער. דאָ איז שוין דער עולם ביסלעכווייז צו שוואַכען געוואָרען, איינציגווייז, איינציגווייז, אַזוי ווי פֿערשעמט, אַזוי ווי גנבים, איז זיך יעדער אַוועק צו זיך אַהיים, אָדער אין שול דאַווענען מעריב, וואָכעדיגען מעריב.

אונזער הבֿרה האָט זיך נאָך געמאַטערט מאַכען קוראַזש אַליין, אָהן די גרויסע, אָבער — בלאָטע! עס איז שוין ניט געגאַנגען. שמחת תורה'דיגע הבֿדלה האָט געגעבען אונז דעם לעצטען קלאַפּ, און די יום טובֿ'דיגע דעקאָראַציע איז פּלוצלונג פֿערשוואונדען, פֿערשוואונדען, אַזוי ווי עס וואָלט קיין מאָל יום טובֿ ניט געוועזען, ווי עס האָלט

שׂמחת תּורה גאָר אויף דער וועלט ניט געווען... מיר וועגען אויף־
צוקראָכען אײנציגהײַט אַזוי ווי אָבגעשמיסענע. אײנער האָט זיך א
וואָרף געטון שלאָפֿען, אַנאַנדערער האָט זיך גענומען בודק זײַן
פֿון הינטען די פֿלודערן, צי וועגען זיי אַרוים ניט געשעדיגט פֿאַר'ן
שׂמחת תּורה. אַ דריטער, וועלכער איז געווען ערנסטער, האָט זיך
גענומען זוכען און בודק זײַן דעם חומש מיט דער גמרא. איבערהויפּט
די טירעלע מיט די שײַבעלעך אין דער לאַנטערנע, וואָרום עס
האָבען שוין אָנגעהויבען צו קריכען אין געדאַנק די קאַלטע אומעטיגע
וואָכעדיגע הדר נעכט.

„בורבאָן“.

איהר וועט פרעגען: וואָס האָב איך צו איהם? פאר וואָס האָט איך איהם אזוי? פאר וואָס ווער איך פול מיט ביטערקייט און צאָרן, ווען איך דערהער נאָר דעם דאָזיגען נאָמען, ווען עס קלינגט אין מיינע אויערען דאָס דאָזיגע וואָרט?....

האַלט איהר זיך ניט וואונדערן. הערט אויס מיין געשיכטע: ווי אזוי איך קום צו איהם, ווי אזוי איך בין מיט איהם צום ערשטען מאָל בעקאַנט געוואָרען, וואָס איך האָב זיך פון איהם אויסגעליטען, אָ, וואָס איך האָב זיך פון איהם אויסגעליטען... וועט איהר זאָגען, אַז איך בין גערעכט....

הערט זשע.... איך וועל אָנהויבען כסדר:

אַז איך האָב אויסגעדאַט דעם „רוסקאַיאַ גראַמאַטאַ“ האָב איך אָנגעהויבען דעם „פּערוואַיאַ נאַסטאַוולעניע“.*) אין גרונט גערעדט, זענען די אויסדריקע „אויסגעדאַט“ און „אָנגעהויבען“ ניט גאַנץ ריכטיג, וואָרום דעם „רוסקאַיאַ גראַמאַטאַ“ האָב איך קיין מאָל ניט געענדיגט און דעם „פּערוואַיאַ נאַסטאַוולעניע“ קיין מאָל ניט אָנגעהויבען. גאַנץ איינפאַך דערפאַר: ווייל דאָס ערשטע ביכעל איז געווען אָהן אַנענדע, דאָס הייסט די לעצטע בלעטער זענען געווען אויסגעריסען.. דאָס־גלייכען זענען געווען אויסגעריסען די ערשטע בלעטער פון דעם אַנדער ביכעל. אַז איך אַליין האָב די בלעטער ניט אויסגעריסען קען איך אייך שווערען ביי מיין נאָמען „איד“. אָט אַזעלכע זענען ווי.. די ביכלאַך הייסט דאָס, אָנגעקומען אין מיין האַנד. וועט איהר פרעגען: פאַר וואָס? זאָל דאָס אייך קיין קשיא ניט זיין, וואָרום, אַז זיי וואָלטען געווען גאַנצע, וואָלטען זיי מסתמא צו מיר ניט אָנגעקומען....

איך האָף, אַז איהר וועט זיך אויך אָנשטויסען: פאַר וואָס האָב

---

*) אַ נאָמען פון אַ רוסיש־דייטשען לעהר־ביכעל.

איך נאָך דעם „רוסקאַיאַ גראַמאַטאַ“ אָנגעהויבען דווקא דעם „פּערוואָיע נאַסטאַוולעניע“, וואו די מעשׂות זענען געווען כמעט נאָך נאַרישער ווי אין דעם ערשטען ביכעל. דער טעם איז געווען פּשוט: ווייל קיינמאָל האָב איך ניט געהאַט פאַר וואָס און האָב דיך געמוזט בעגנוגענען מיט דעם ביכעל וואָס איז מיר צופעליג אַריינגעפאַלען אין האַנד, אָדער וואָס מען האָט אידם געקענט קויפען ביי אַ פּאַקעטמעגער פאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס.

און דאָך מוז איך אייך זאָגען, אַז איך האָב פאַרן „פּערוואָיע נאַסטאַוולעניע“ געהאַט מעהר דרך ארץ, ווי פאַרן „רוסקאַיאַ גראַמאַטאַ“. און דאָס איז — פאַר די טייטש וואָס איז אין ביכעל געווען. צו וואָס האָט מען געדאַרפט אין דעם רוסישען ביכעל דעם „טייטשעשען טייטש“ האָב איך ניט פערשטאַנען, און מיין מאַמע עליה השלום, וועלכע איז געווען מיין ערשטע לעהרערקע אין רוסיש, האָט דאָס מיר אויך ניט געקענט געבען צו פערשטעהן. נאָר טאַקע דווקא דערפאַר, וואָס איך האָב ניט פערשטאַנען, האָב איך געהאַט דרך ארץ, ווי דער שטייגער איז שוין פון „שנים קדמוניות“, אַז וואָס מעהר מען פאַרשטעהט ניט אַ זאַך האָט מען דערפאַר אַלץ מעהר דרך ארץ. שפּעטער איז מיין דרך ארץ איבערגעגאַנגען אין אמתע ליעבע. איך בין פּשוט פערליעבט געוואָרען אין דער דייטשער שפּראַך. שולדיג איז געווען אין דעם דער „תּרגום אשכּנזי“ די דייטשע איבערזעצונג פון תּנ״ך, אייגענטליך ניט פון גאַנץ תּנ״ך, נאָר פון „שיר השירים“, וועלכע איז מיט אַ צופאַל אַריינגעפאַלען מיר אין האַנד. אַ, סאַראַ שיינע ווערטער דאָרטען איז געשטאַנען! בלומען שען! צוקער זיס! „ישקני מנשיקות פּיהו — קיסע מיך מיט קיסען דיינעם מונדעס, כּי טובים דודיך מיין, — דען דיינע ליעבע איזט ליעבליכער אַלס וויין“. דאַכט זיך גאָר כמעט ווי דער רבי האָט געטייטש, נאָר אַ קליינע נפקא מינה: אַנשטאַט קוש—קיסע, אַנשטאַט מויל—מונדעס און אַנשטאַט פריינדשאַפט—ליעבע, אָבער וואָס פיר אַ אַנדער פּנים דאָס האָט געקראָגען אין גאַנצען! ווי מודיקאַליש, ווי בעצויבערנד דאָס האָט געקלונגען טיעף אין דער קינדערשער האַרץ... עס קען זיין, אַז אָט דער דאָזיגער תּרגום אשכּנזי איז שולדיג אין דעם, וואָס ביז היינטיגען טאָג האָב איך ליעב די דייטשע שפּראַכע מעהר פון אַלע שפּראַכען.

אָבער ניט דאָס בין איך אויסען. איך האָב אייגענטליך אָנגעהויבען צו דערציילען וועגען דעם „רוסקאַיאַ גראַמאַטאַ“ און „פּערוואָיע נאַסטאַוולעניע“. אידר מעגט מיר גלויבען, אַז כאָטש און זיי איז געווען איסגעריסען בלעטער, פון וועסטועגען זענען זיי מיר געווען טייער,

וואָרום זיי זענען מיר שווער אָנגעקומען... זעהר שווער... אַמאָל פלעגט ביי מיר זיין אַ קשיא: למאי זענען דאָרטען אַזעלכע נאַרישע מעשיות? נאָר די מאַמע, עליה השלום, פלעגט מיר פאַרענטפערן: דאָס האָט אַליין געשריבען אַ „טייץ" און דאָס איז ידוע, אַז אַ טייץ, איז אַ נאַר. און דערביי פלעגט זי תמיד דערצעהלען אַ ביישפיעל, ווי אַזוי אַ רוימישער סאָלדאַט האָט אַריינגענאַרט אַ „טייץ" און האָט איהם פערקויפט ראַקעס אָנשטאָט פיש. דאָס איז אָבער אַלץ געווען גערעדט אויף צו־כלומר׳שט. וואָרום אין אמת׳ן האָט זי, די מאַמע, עליה השלום, זעהר ליעב געהאַט אָט די קליינינקע מעשה׳לעך אין די דאָזיגע ביכלעך. פערשטעהט זיך, ניט אַזוי ווי דעם תהלים, צו דעם „שבט מוסר", צו דעם „מצה אהרן", איבער וועלכע זי פלעגט זיצען גאַנצע נעכט און וויינען; אַפילו ניט ווי די־ק׳ס מעשה׳לעך, פון וועלכע זי פלעגט אויך אַרויסנעהמען אַ שטיק מוסר. איבער די נאַרישע מעשה׳לעך פון די גוי׳שקע ביכלעך פלעגט זי מאַכען חוזק און דאָך פלעגט זי זיי קענען כמעט אויף אויסווענדיג, ממש מיט דעם לשון, ווי עס שטעהט אין ביכעל, און ליעב געהאַט זיי איבערצודערצעהלען.

אַזוי בין איך מיט דער מאַמע׳ס הילף איבערגעקומען דעם „פערוואָיע נאַסטאַוולעניע" אויך און מיר האָט זיך זעהר שטאַרק געוואָלט לייענען אַ רוסיש ביכעל, אַן אמת׳ן ביכעל, אָט אַזוי ווי צום ביישפיעל דעם „אהבת ציון" און „קאָלומבוס", וואָרום די דאָזיגע ביידע ביכלעך האָב איך שוין דורכגעלייענט, אַלע ספרי מעשיות און די־ק׳ס ביכלעך פון דער מאַמע׳ס ביבליאָטהעק אויך, און האָב געוואָלט וויסען גרויסע און שענע געשיכטעס. דאָ בין איך צוגעשטאַנען צום טאַטען ער זאָל מיר קריגען אָט אַזאַ ביכעל, אַ גוטען רוסישען ביכעל. דער טאַטע האָט בשום אופן ניט געוואָלט, איך זאָל געהן אין „קלאַס", כדי איך זאָל ניט ווערען קיין גוי הס ושלום. אָבער אַ ביכעל האַלטען אין דער היים האָט מען שוין ביי איהם גע־פועל׳ט. דערפאַר האָט ער געוואָלט איך זאָל קריגען אַ שענע „פאַטירקע" — וועל איך שוין מיט גאָטס הילף ניט זיין פאַרפאַלען... הקיצור: דער טאַטע האָט צוגעזאָגט. ער האָט געהאַט אַ קרוב, אַ לייבליכען „שלישי בשלישי"; האָט ער געהאַט אַ בוכהאַנדלונג, דער קרוב, הייסט דאָס, די גרעסטע בוכהאַנדלונג אין שטאָדט. נו, איז צו איהם צוגעשטאַנען דער טאַטע ער זאָל איהם געבען עפּיס אַ ביכעל, אַ רעכטס ביכעל, פאַר זיין זוהן. דערווייל האָט ער איהם דערצעהלט מיינע מעלות, אַז איך שנייד זיך אויף אַ פיינע „פאַטירקע" און אַז ער האָפט פון מיר זאָל זיין מיט דער צייט אַ לייט, דאָס

הייסט, א שרייבער ביי אַן אַדוואָקאַט, אָדער אַ בוכהאַלטער אין א קראָם. דער קרוב, דער בוכהאַנדלער האָט איהם צוגעזאָגט, צו געבען א ביכעל און איך בין געוועזען מלא שמחה, אָבער ניט אַזוי גיך טוט זיך ווי עס רעדט זיך. דער קרוב האָט אַליין געזוכט א ביכעל. דער טאַטע איז פון איהם ניט אָבגעטראָטען, איז געגאַנגען צו איהם טאָג פאַר טאָג, וואָרום איך האָב איהם ממש ניט געלאָזען רוהען. ענדליך איז געקומען די גוטע שעה. דער טאַטע האָט געבראַכט דאָס ביכעל. ער האָט מיר איהם ניט באַלד אָבגעגעבען. פריהער האָט ער מיט מיר אויסגענומען תנאים: איך זאָל ניט פערפעהלען קיין ברכה אין דער פריה, קיין ציצית בענשען, ניט „אַוועקדומוזען" דעם דאַוונען אונטער די ליפען, ווי אַ גוי „פּאַטשערעס", און נאָך אַזעלכע תנאים. איך האָב אַליין צוגעזאָגט און האָב געקראָגען דעם ביכעל. מיין פרייד קענט איהר זיך גאַרניט פאָרשטעלען. דאָס איז געווען טאַקע אַן אמת ביכעל. ניט אויסגעריסען די בלעטער, ניט פון אָנהויב, ניט פון סוף. א גאַנצינקער, אַ נייאינקער. היינט האָט איהר געדאַרפט זעהען דעם בונד: די רויטינקע, געשפּרינקעלטע טאָוועלעך. הקיצור: אַ שעה נאָכאַנאַנד האָב איך גאָר ניט געקענט אַריינקוקען אינעווייניג פון התפעלות. איך האָב נאָר געטאָן און געעפענט און צוגעמאַכט די טאָוועלעך, און ווידער געעפענט, און ווידער צוגעמאַכט, און געבלעטערט די בלעטער, און געיהות'ט זיך, וואָס אַלע זענען גאַנץ און גלאַט און ניי...

ענדליך האָב איך בעשלאָסען אַריינצוקוקען אינעווייניג, גענומען דעם פאָדערסטען בלעטעל, אַ קוק צו טאָן: ווי רופט ער זיך מיין נייער, טייערער פריינד. איך נעהם לייענען דעם נאָמען — עפּעס עס געהט ניט... דאָס הייסט לייענען האָב איך איבערגעלייענט, נאָר דאָס זענען געווען עפּעס מאָדנע משונה'דיגע ווערטער: „אָ-טש-ערק נע-צאַר-סטוואַ-י-שטשיך די-נאַ-סטי נאַ-שע-וואָ חרע-מע-ני" *). „נאַשעוואָ ווערעמעני" האָב איך שוין געוואוסט, אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ מין: אָטשערק נעצאַרסטוואַ-י-שטשיך די-נאַס-טי? און וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס צו „נאַשעוואָ ווערעמעני"?

הקיצור: דרעה זיך אַהין, דרעה זיך אַהער — עס געהט ניט. איך האָב געפרעגט דעם טאַטען, געפרעגט דער מאַמען: קיינער ווייס ניט. האָב איך זיך גענומען צום תוך, לייענען אינעווייניג. אפשר וועל

---

*) בעשרייבונג וועגען די ניט רעגירענדע קיסרים-פאַמיליעס פון אונזער צייט.

איך דאָרטען דערטאַפּען וואָס איז דאָס: אָטשערק נעצאַרסטוואַ־ישטשיך דינאַסטי... און פֿאַר וואָס האָט דאָס שענע, דאָס נייע ביכעל עפּעס אַזאַ שווערען, מיאוסען נאָמען?...

האָב איך געלייענט דאָס ביכעל... אַ ברירה, האָב איך געהאַט... אָבער ווי געלייענט... איך האָב יעדעס בלעטעל צוממען שורות־ווייז, יעדע שורה — ווערטער־ווייז; יעדעס וואָרט — אותיות־ווייז. איך האָב צונגלידערט און צוברעקעלט, געשוויצט און געהאָרעוועט, טעג אָנגעזעסען, און געוואָלט וויסען דעם זין האָטש פֿון איין שורה — ניטאָ! אַזוי ווי די וואַנד! הילצערנע ווערטער... שטיין און ביין — און איז גאָר!...

עס פֿערשטעהט זיך, אַז שולדיג האָב איך געמאַכט נאָר זיך אַליין, פֿאַר וואָס האָב איך אַזאַ גראָבע קאָפּ? פֿאַר וואָס פֿערשטעה איך ניט? איך האָב איבערגעלייענט דאָס ביכעל פֿון אָנהויב ביז צום סוף, און נאָך אַמאָל געלייענט, און נאָך אַ מאָל געלייענט: טאָמער וועל איך עפּעס כאַפּען, אַ סליאַד, אַ בעקאַנטען — ניטאָ! וויפֿיעל ווערטער דאָרטען זענען געווען, זענען זיי אַלע צולאָפֿען, צושוואומען, ווי אין תהום אַריינגעפֿאַלען, קוים האָב איך צוגעמאַכט דאָס ביכעל. נאָר איין וואָרט איז מיר געשטאַנען פֿאַר די אויגען, עפּעס אַ מאָדנער, אַ ווילדער וואָרט: בורבאָן... **). כמעט אויף יעדען בלאַט, כמעט אין יעדער שורה איז ער געשטאַנען — בורבאָן... איך האָב מיט אַ כּוון אַ מיש געטאָן דאָס ביכעל, געכאַפּט אַ בלאַט „נאַ אודאַר“: ווי עס וועט זיך אָנכאַפּען, און געמיינט, אַז דאָרטען ווער איך פֿון אידום פּטור... ערשט ער איז דאָ — בורבאָן!.. און אויף צו להכעיס, אומעטום מיט אַ גרויסען אות פֿון אָנהויב, אַזוי ווי ער וואָלט זיך האַלטען אין די „באָקעס“ און לאַכען מיר אויף צו־פוקענעס...

איך האַפּ אַ בלאַט פֿון סאַמע סוף, פֿאַרשטעל מיט ביידע הענד פֿון אויבען און פֿון אונטען, וויל כאַפּען אַ שורה אין רעכטען מיטען... דאָ, — קלער איך — וועט ער שוין ניט זיין... ניין, ער איז דאָ — בורבאָן... מיט'ן גרויסען „בע“, מיט'ן לאַנגען שנאָבעל... בורבאָן...

איך האָב ענדליך אַ וואָרף געטאָן אין פֿערצווייפֿלונג דאָס ביכעל, פֿאַרוואָרפֿען עס אין שוואַרץ יאָהרען, נאָר דאָס איז אויך געווען אומזיסט. וואוהין איך בין געגאַנגען איז ער געגאַנגען מיט מיר — בורבאָן...

*) אַזוי האָט געהייסען אַ פֿאַמיליע, וואָס האָט יאָהרענלאַנג צוגעשטעלט קיסרים אין פֿערשיעדענע אייראָפּייאישע לענדער, בעזונדערס אין פֿראַנקרייך.

אין שטוב, אויפ'ן גאס, ביי טאג און ביי-נאכט, האט ער מיך פער-פאלגט און געפייניגט, געקוועלט און געמאטערט מיין נשמה...

וואכענלאנג איז ער מיר געשטאנען פאר די אויגען; איך האב ניט געוואוסט, וואו זאל איך זיך אהין טאן, וואוהין זאל איך אנטלויפען פון איהם. און אלע ווינקעלעך איז ער געווען פול — בור-באן... אומעטום האט מיר נאכאנאנד געזשומעט און געקלאפ-פערט אין די אויערן: בורבאן... בורבאן... בורבאן!...

איצט פערשטעהט איהר: פאר וואס איך קען איהם ניט זיין קיין גוטער פריינד... פאר וואס איך ווער אזוי צארנדיג און ערבי-טערט ווען איך הער נאר דאס ווארט, דאס שרעקליכע ווארט... בורבאן...

די ערשטע „עבֿרה".

די צײַט פֿון קריטיזירען אַלעס וואָס טוט זיך אַרום און אין דעם אייגענעם מוח — קומט אָן כּמעט בײַ אַלע מענשען, אין אַ געוויסען עלטער, מייסטענטהייל אויף דעם גרענעץ צווישען קינדהייט און יוגענד. קינדער וואָס בעקומען אַ ריכטיגע שול-ערציהונג, און לעבען אין חבֿרשאַפֿט מיט נאָך קינדער, טראָגען איבער פֿיעל לײַכטער די ענדערונגען בײַ זיי אין געדאַנקען, ווי קינדער וואָס קענען ניט צוליעב אָרימקייט, בעקומען אַ געהעריגע ערציהונג און ווערען געצוואונגען צו לעבען איינזאַם און פֿערשלאָגען.

איך האָב געהערט צו אָט דעם סאָרט קינדער און דעריבער האָב איך ווידער פֿיעל געליטען פֿון דעם אינעווייניגסטען קאַמפּף. איך האָב קיין מאָל ניט געהאַט די געלעגענהייט מיט איינעם—אַנעלטערן, צו אַ קינד פֿון מײַן גלײַכען דורכצורײדען זיך וועגען די פֿראַגען וואָס האָבען געברענט אין מײַן מוח. פֿון די עלטערן האָב איך זיך געמוזט בעהאַלטען. מיט די עלטערע שוועסטער און ברידער האָב איך זיך ניט געקענט טיילען: כּמעט פֿון אַלט יאָהר אָן האָט יעדער פֿון זיי געמוזט גיין אַרבײַטען און די שווערע בעדינגונגען פֿון דער אַרבײַט האָט זיי געשטערט אָפּצוגעבען זיך ערנסט צו אַזעלכע געדאַנקען, צו געדאַנקען איבערהויפּט, כאָטש פֿון נאַטור זענען זיי אַלע געווען דענקענדע. פֿון 13 — 14 יאָהר אָן האָב איך כּמעט ניט געהאַט קיין חבֿרים. אין די פֿריהערדיגע שפּיעל חבֿרים האָב איך פֿערלאָרען דעם אינטערעס: זיי זענען געווען אַלע פּראָסטע יונגלעך און געלעגען נאָר אין שפּיעלען, און דערצו זענען זיי געווען אויך אַזוי אָרים און פֿיעלײַכט נאָך אָרימער פֿון מיר. קינדער וואָס זענען געגאַנגען מיט ראַנצען אין קלאַס זענען פֿאַר מיר געווען אַזוינע הויכע בריאות, אַז איך האָב קיין מאָל ניט געוואַגט צו צו גיין נאָהענט צו עמיצען פֿון זיי. און זיי מיט מיר האָבען אויך ניט געוואָלט האַנדלען. אויף

דעם אופן האָב איך, גלייך ווי פילע אנדערע פון מיין אָרט קינדער, געמוזט אַליין דורכמאַכען מיין גייסטיגען קאמפף.

די איינציגע מיטלען וואָס איך האָב בעזעסען זענען געווען איינצעגע זשאַרגאָנישע און העברייאישע ביכלאך, וועלכע איך האָב מיט אַ צופאַל געקראָגען. דער תנ"ך און די גמרא פון איין זייט און אייזיק מאיר דיקס און מאפּוס עטליכע ביכלעך פון דער אנדער זייט — דאָס איז געווען מיין איינציגע, גייסטיגע שפייזע. אַן אַלטעס לעהר-ביכעל „פּערוואָיע נאסטאַוולעניע" וועלכעס האָט זיך ביי אונז געוואַלגערט און וועלכעס איך האָב אַ ביסעל אַליין, אַביסעל מיט דער הילף פון מיין מוטער, שטונדענלאנג געגריבעלט זיך צו פערשטעהן דעם זין פון דער פאַבעל „צווייי פליעגען" אָדער אַ עהנליכע מעשה דאָרט, האָט מיר, פערשטעהט זיך, ניט געגעבען קיין שטאָף צו דענקען. דיקס קליינע מעשה'לעך האָבען אויף מיר געהאַט אַ גרויסע ווירקונג: זיי האָבען אין מיר געוועקט דעם האַס צום פאַנאַטיזם און דעם הערשט צו השכלה, צו בילדונג. דאָס וועלבע איז געווען מיט מאַפּוס „אהבת ציון" „אשמת שמרון" און „עיט צבוע". סמאָלענסקי'ס ווערק ווי אויך זיין זשורנאַל „השחר", און אַנדערע העברייאישע השכלה ספרים—די האָב איך ערשט שפּעטער אָנגעפאַנגען צו לעזען.

די צייט וועגען וועלכע איך רייד דאָ האָב איך קיין אַנדערע ביכער ווי די דערמאָנטע ניט געהאַט. מיין פאָטער האָט מיר געקענט מיט די לעצטע קרעפטען האַלטען אַ מלמד נאָר ביז 11 אָדער 12 יאָהר. פון דאַמאָלס אָן האָב איך געמוזט אַליין זיך העלפען.

בלייבענדיג אָהן אַ רבי'ן, איז מיר געבליבען דריי וועגען: אַנקומען אין ישיבה, לערנען זיך אַנ'אַרבייט, אָדער אַנקומען אין „קלאַס". אַ ישיבה בחור האָב איך ניט געוואָלט זיין, צו אַנ'אַרבייט אָדער אין אַ קראָם האָט מען מיך ניט געוואָלט נעהמען אָהן געלד— איז מיר געבליבען דער דריטער וועג. די עלטערן האָבען דערפון גאָר ניט געהאַלט הערען, זיי האָבען מורא געהאַט איך זאָל ניט ווערען „אַ גוי". אָבער איך האָב אָנגעטאָן אַזוי פיעל מעשים—אַז זיי האָבען געמוזט נאָכגעבען.

אין אַ שענעם פריה-מאָרגען האָט די מאַמע אָבגעקאָכט געפילטע פיש (אויף דעם איז זי געווען טאַקע אַ מייסטערקע), אויסגעבאַקט טייגעלאך, געהייסען מיר נאָכגעהן נאָך איהר, און — איז אַוועק צום „ערל" ד. ה. דעם לעהרער פון דער אַנפאַנגס-שול. דעם ערל האָט הפּנים גוט געשמעקט די „זשידאָווסקאַיאַ ריבאַ" און ער האָט מיך צוגענומען..

מיין גליק האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט.

דער לעהרער איז געווען א שכור און האט אפט געלאזען דעם גאנצען קלאס אויף אנ׳עלטערן שילער, און יענער פלעגט זיך אידיעקיווען איבער די „ושידעכ״. אמאל, שבת, האט זיך דער לעהרער פאר׳שכור׳ט און דער „שייגעץ״ האט קאמאנדעוועט ווי דער שטייגער: ער האט דאמאלס בעשלאסען נוקם צו זיין זיך אן אלע „פארכאטע ושידעס״. ער האט פערשפארט דעם קלאס און געהייסען אלע יודישע יונגלאך געהן צום טאפעל און שרייבען.

איך האב געזעהן ווי זיי געהען —מיינע חברים, בלייך ווי קאלך און ציטערענדיג, ווי דער אקס צו דער שחיטה, זיי געהען צו צום טאפעל און שרייבען, שרייבען, וואס דער גרויסער שייגעץ דיקטירט מיט א ווילדען גזלנ׳ישען שמייכעל אויף די גראבע רויטע ליפען: איך האב געוואוסט אז אט, אט און עס וועט קומען צו מיר און איך וועל אויך אזוי געהן און וועל שרייבען... שרייבען אום שבת...

און איך בין געגאנגען און איך האב געשריעבען...

אין א האלב שעה ארום האט דער שייגעץ געעפענט די טיר און א קאמאנדעווע געטאן: וואן, ושידי!

איך האב געכאפט מיט אימפעט די היטעל און אנטלאפען ווי פון פייער, ווי פון א ערד־ציטערניש פון קלאס, וואוהין האב איך ניט געוואוסט, איך בין געלאפען איבער די גאסען ווי א וואהנזיניגער, שטונדען־לאנג; דער מוח האט מיר געברענט, דאס הארץ האט געקלאפט, און איך בין געלאפען, געלאפען מיט האסט, בין אויסגע־לאפען אין אלע עקען שטאדט; די פיס זענען מיר געווארען ווי האלץ, און איך בין ענדליך אנידערגעפאלען, ערגעץ אונטער שטאדט אויף דער ערד, אין א וויסטען ארט, וואו קיינער איז ניט געגאנגען. דא האב איך דעם ערשטען מאל א קלער געטאן: וואס זאל איך טאן! וואוהין זאל איך געהן? אהיים? ניין, אהיים קען איך ניט, טאר איך ניט געהן, איך בין שוין מעהר קיין איד ניט, איך האב זיך גע׳שמד׳ט, אליין איינס ווי גע׳שמדט. דער טאטע און מאמע ווייסען שוין געוויס פון אלץ; זיי וועלען מיך שלאגען צום טויט און ארויס־טרייבען; אליין איינס...

אבער עס איז געווארען פינסטער, די נאכט האט אויף מיך ארויפגעווארפען א שרעק; איך בין אוועק — אהיים.

מיין פסק האב איך פערשטעהט זיך בעקומען, אבער ניט פאר דער עברה, פאר דער ערשטער „עברה״ וואס איך האב בעגאנגען אין מיין לעבען. מען האט מיך „מכבד״ געווען דערפאר וואס איך האב זיך אומגעשלעפט מיט יונגלעך א גאנצען טאג איבער די גאסען און געמאכט די עלטערן שמערצען. עטליכע טעג נאכאנאנד

האט מיך ווי א ווארם געטאטשעט דאס הארץ און מאנאטען לאנג בין איך געוועזן אין איינע ציטערניס די עלטערן זאלען זיך ניט דערוויסען.

די יסורים וואס די געצוואונגענע „עבדה" האט מיר געקאסט בעת מעשה, און א לאנגע צייט דערנאך איז שווער זיך פארצושטעלען — אבער פון דאמאלס אן איז אין דעם רעליגיעזען צאם געווארען א שטארקער ריס....

אין מיין וויטערדיגער גייסטיגער ענטוויקלונג האט געשפּיעלט א גרויסע ראלע דער תנ"ך מיט'ן „באור" און „תרגום אשכנזי", וועלכען איך האב געקריגען מיט א צופאל. ער האט געדינט מיר פאר א שליסעל צו א סך פראגען וועלכע האבען מיך פריהער אונאויפהערליך געקוועלט. דער תנ"ך האט מיר ערשיינט אין א גאנץ אנדער געשטאלט און מיין מוח איז געווארען אביסעל רוהיגער. דאס האט אבער לאנג ניט געדויערט. טאקע דער זעלביגער באור האט מיך געפיהרט צו די גרעסערע פראגען: איבער גיהנם און גן-עדן, איבער תחית המתים און טאקע איבער גאט אליין... וואו איז גאט און ווי איז ער? צו איז גאר אין גאנצען דא א גאט? און אויב ער איז דא, צו איז ער א מחותן מיט די מענשען? צו איז די תורה — פון הימעל אדער מענשען האבען זי געמאכט, א. ז. וו. און ז. וו.

איך וועל וועגען דעם ניט מאריך זיין; איך וועל נאר זאגען — אז יענע ליידען אין די קינדערשע יאהרען זענען געוועזען גאר נישט אנטקעגען די איצטיגע וועלכע האבען אנגעריהרט דעם פונדאמענט פון דעראמונה, די אמונה אין גאנצען, און יאהרען לאנג האבען געדויערט די יסורים; עס זענען געוועזען מאמענטען ווען זיי האבען מיך שיער ניט וואהנזיניג געמאכט. צו געבען וועגען דעם א פאלשטענדיגען בעגריף איז דא אונמעגליך.

און ווידער איז געוועזען א בוך וועלכעס איך האב צופעליג געקראגען, און ער האט מיין דענקען געגעבען א בעסערע ריכטונג, א שטיקעל סיסטעם. דאס איז געוועזען „עמיל", א בוך איבער ערציהונג פון דעם פראנצויזישען שרייבער און דענקער זשאן זשאק רוסא. יאהרען לאנג האב איך מיך גענעהרט מיט זיינע אידעען ביז איך האב ענדליך בעקומען די מעגליכקייט צו לעזען און פערשטיין די ביערע וויסענשאפטליכע ביכער. דאן איז ביי מיר געווארען א גאנצע איבערקעהרעניש. די „דינדיגע" ערד מיט דעם מענשען האבען ארויסגעשלאגען פון קאפ דעם הימעל.

דער פונדאַמענט טרייסעלט זיך.

ווען ביי מיר האָט זיך אָנגעהויבען דער אינערליכער קאַמפּף צווישען אסור און התיר — מען טאָר און מען טאָר ניט, ווען די דענקקראַפט האָט אָנגעהויבען קריטיזירען אַלץ וואָס אַרום — געדענק איך ניט גענוי. אַלענפאַלס זעהר פריה צו 7—8 יאָהר, שיינט מיר. מיינע פאָטער און מוטער זענען געווען זעהר פרומע אידען, און אַ היבשע ביסעל פאַנאַטיש. אַ פאָרשטעלונג פון זייער פרומקייט קען געבען דער פאַקט: אַז איך בין אַלט געווען 9 יאָהר האָט מיין ברודער, וואָס איז געווען מיט אַ דריי יאָהר עלטער פון מיר, מיר אונטערגעשאָרען די פאות אַביסעל העכער פאַר דעם קנעפּיל פון אויער — און איך בין אַ גאַנצען טאָג און אַ גאַנצען אָבענד אָבגעלעגען בעהאַלטענערהייט אין קאַטוך מיט די היזהנער מורא האָבענדיג צו בעווייזען זיך דעם טאַטען מיט דער מאַמען אויף די אויגען. אַז מען האָט מיך אַ צושראָקענעם אַרויסגעשלעפּט פון קאַטוך איז מיר געווען פינסטער די וועלט און איך האָב געמיינט אַז מען וועט מיך שמייסען אָהן רחמנות. הייסע, אמת'ע טרעהרען פון אַ בעל תשובה האָבען מיך געראַטעוועט פון אַ פּסק און נאָר „ער" דער „גוי", דאָס הייסט דער ברודער, האָט בעקומען אַ פּאָר פּעטש.

אין ברכה זאָגען, ציצית בענטשען, וואַשען זיך און בענטשען צום עסען און טאַקי דאַווענען גופא האָב איך אָנגעהויבען זעהר פריה צו פאַלשעווען, אָנפאַנג האָב איך עס געטאָן אונבעוואוסט, פראָסט ווייל עס איז מיר געווען לעסטיג אָדער ווייל איך האָב זיך געפוילט ווי די מאַמע פלעגט דאָס ערקלערען, וועלענדיג מיך פערטיידיגען.

„דו מיינסט ער איז אַנ'אַפּיקורס? — פלעגט זי מיך אימער פערטיידיגען פאַר'ן טאַטען — גלאַט ער פוילט זיך; ער וועט ווערען עלטער וועט ער זיך אויפהערען צו פוילען. אַז איך בין געוואָרען עלטער און האָב זיך דאָך געפוילט און נאָך מעהר, האָט מיין אָרימע מוטער דאָך איהר האָפנונג ניט אויפגעגעבען. „ער וועט נעהמען

א ווייב—ווען זי איהם שוין מאכען פרום", האט זי אימער נאך ביז די לעצטע יאהרען זיך געטרייסט און געווען זיכער אז איך וועל נאך געוויס ווערען א „ירא־שמים".

נאר איין מאל האט די מאמע אליין געהייסען דעם טאטען געבען מיר א פאטש. איך בין געווען דאן א יונגעל פון א יאהר עלף אדער צוועלף. אין א געשפרעך ביי'ן טיש פרייטאג צו נאכט וועגען דעם חסידישען רבי'ן האב איך זיך אריינגעמישט און געמידט זיך איפצואווייזען, אז דער רבי נארט אב די חסידים און נעהמט פדיונות גאר אומזיסט. איך האב זיך אזוי צוקאכט, אז איך האב געשאלטען דעם רבי'ן. „דערלאנג איהם א פאטש!" האט די מאמע א געשריי געטאן צום טאטען, און ער האט מקיים געווען.

מיין פאטער און מוטער זענען אייגענטליך געווען מתנגדים און האבען אליין געלאכט פון רבי'ס מופתים. נאר שילטען אנ־עהרליכען אידען „דארף מען דעם קליינעם עזות פנים ניט לאזען".

דער פאקט ווייזט מיר, אז שוין דאמאלס האב איך שטארק אנגעהויבען צו קריטיזירען. אין מיין געדעכטניס זענען געבליבען איינציגע פערזען וואס איך האב דאן צוזאמענגעשטעלט, ניט האבענדיג קיין שום בעגריף פון פאעזיע, טאקע וועגען דעם חסידישען רבי'ן גופא:

דיינע סודות זיי מגלה:
זאלען וויסען מענשען אלע,
אז ס'איז ניטא קיין נסים אויף דער וועלט,
דער וואס טוט עס, מיינט נאר געלד,
דעם רבי'ס צדקות און נפלאות —
הייסען נאר ביי אונז רמאות,
און דער נאר, וואס גיט פדיונות
מאכט דעם קלוגען אן בזיונות...

אלזא פריהער פלעג איך אין א פולע דינים און מנהגים פאלשי־רען, ווייל עס איז מיר געווען לעסטיג, דערנאך, אז איך האב אנגע־הויבען לערנען תנ"ך און גמרא — האב איך אימער געזוכט א התיר טאקע פון דער תורה גופא. און מען קען ניט זאגען, אז איך האב ניט געפונען. ניט אומזיסט זאגט דער תלמוד „התורה נדרשת לשבעים פנים", מען קען דרשנ'ען די תורה אויף זיעבציגערליי ארט. איך פלעג אפט דיספוטירען מיט די עלטערען און פון יעדען דיספוט פלעג איך ניט גוט אפשניידען... מיין מוטער פלעגט מיך אמאל „מכבד" זיין און אמאל גלאט אזוי אויסריידען איהר הארץ: „רבונו של עולם" — פלעגט זי טענה'ן — „פון וואנען האט זיך, אויף מיר

גענומען דער „פּליוואָך“ איך האָב דאַכט זיך בײַ גאָט ניט געבעטען ניט קײן עשירות, ניט אַז מײַנע קינדער זאָלען זײַן רבנים; עהרליכע אידען זאָלען זײ זײַן, האַרציגער פֿאָטער, האָב איך פֿאַר דיר מתפלל געווען", דאָס פֿלעגט זי זאָגען, מיט אַ קרעכץ, אויפֿהויבענדיג די הענד צום הימעל.

איך מוז דאָ צוגעבען, אַז שפּעטער, ווען איך בין געוואָרען מיט אַנאמת ניט פֿרום און האָב שוין בעזעסען עטוואָס עהנליכעס צו אידעען און איבערצײַגונגען, האָב איך אויפֿגעהערט אַנצומאַכען מיר אַלײן און מײַנע עלטערן שמערצען דורך דיכטען. אַז מיר איז אויסגעקומען עובר צו זײַן אויפֿן „שולחן ערוך“ האָב איך עס דאָך געמאַכט אימער ווײַט פֿון מײַנע עלטערנס אויגען, און ווײַטערדיג אין דיער געזעלשאַפֿט פֿלעג איך אויסמײַדען יעדען געשפּרעך וואָס קען אָנמאַכען צווישען אונז אַ צוזאַמענשטויס און שטערען אונזער פֿאַמיליען פֿריעדען. איך פֿלעג אַמאָל וואַשען זיך און דאַווענען צוליעב זײ. איך האָב דאָס געטאָן, ווײַל קײן מענש אין מײַן געוויסען האָט דערפֿון ניט געליטען און פֿאַר זײ, מײַנע אָרימע עלטערן, וועלכע זענען דאָך אַלענפֿאַלס ניט שולדיג אין זײַערע רעליגיעזע אַנזיכטען, איז דאָס געווען דער אײנציגער פֿערגעניגען, וועלכען איך האָב זײ געקענט פֿערשאַפֿען.

ביסלאַכווײַז האָב איך אַרונטערגעריסען אַלע קלײנע קניפּלאַך און פּענטעס וואָס האָבען מיר געשטערט פֿרײַ צו אָטהמען. אָבער איך קען ניט זאָגען, אַז דאָס איז מיר אָנגעקומען גרינג. די לוסט צו פֿרײַהײַט און לעבען פֿון אײן זײַט און דער מורא'דיגער שרעק פֿאַר'ן גיהנום מיט די אײַזערנע ריטער און פֿײַערדיגע סקאָוואָראָדעס פֿון דער אַנדער זײַט האָבען געריסען מײַן נשמה אויף שטיקער און געבלוטיגט מײַן האַרץ. עס איז געווען שטענדיג פֿול מיט ברענענדיגען ווײַטאָק. אָבער די פּענטע וואָס איך האָב אײן מאָל איבערגעריסען האָב איך שוין צוריק ניט פֿאַר בונדען: צו מעכטיג איז געווען מײַן שטרע=בען צו לעבען און פֿרײַהײַט.

און דאָך קען איך ניט זאָגען אַז איך בין געווען גלאַט אַזוי אַ „פֿרײַ=מאַיאָר“, אַ הפֿקר=יונג. עס איז געווען געוויסע מצוות וואָס איך האָב פֿון זײ דוקא געהאַלטען און געווען אין זײ זאָגאַר אַ שטיקעל פֿאַנאַטיק. צום בײַשפּיעל, פֿאַר „מוקצה“ האָב איך אַ לאַנגע צײַט שטאַרק מורא געהאַט. טראָגען אום שבת האָב איך מיר ניט ער=לויבט שוין לאַנג נאָך דעם, אַז איך האָב דעם דאַווענען ניט אײן מאָל פֿאַרבויגען. איך פֿלעג ניט קאָנען פֿאַרטראָגען אַז אימיצער

טראָגט אום שבת; דאָס האָט מיר אַ שטיק האַרץ אויסגעריסען. אײן פֿאַקט פֿון מײַן קינדהײט קען איך נאָך עד היום ניט פֿערגעסען.

איך בין געװען דאַן אַ קינד פֿון אַ יאָהר 10—11. ניט װײַט פֿון אונז האָט געװאָהנט אַ פֿרײַע אידישע פֿאַמיליע. מען האָט זײ גערופֿען בײַ אונז אין גאַס די „אידישע גוים". איך פֿלעג קײן מאָל ניט קענען רוהיג פֿערטראָגען, װאָס דער גימנאַזיסטעל װײַערער—טראָגט די ביכער אום שבת. אײן מאָל בין איך אידם נאָכגעלאָפֿען מיט אַ חבֿרה יונגלאַך פֿון מײַן שטײַגער און נאָכגעשריען אידם: פֿע, פֿע, שבת-גוי, שבת-גוי!"... דער גימנאַזיסטעל האָט אונזער אָבגעריסענע חבֿרה פֿײַנד געהאַט װי דעם טויט. ער האָט זיך ניט געפֿוילט, אויפֿגעהױבען פֿון דער ערד אַ האַלבע ציגעל און אַ „בענין" געטאָהן מיר גלײַך אין קאָפּ אַרײַן.

איך קען מיר איצטער קוים פֿאָרשטעלען װאָס מיט מיר איז דאַן געשעהן. אונזער גאַנצע חבֿרה איז צולאָפֿען אין אַלע זײַטען; איך האָב זיך געלאָזען לויפֿען אַ פֿערטױבטער, װי אַ משוגענער, מיט װילדע געשרײען פֿון װײטאָג און האַלטענדיג זיך מיט בײדע הענד פֿאַר'ן קאָפּ. דאָס איז געװען שבת נאָך װאַרמעס:

דאָס גאַנצע געסיל האָט געשלאָפֿען. איך בין פֿון אימפּעט פֿערלאָפֿען אויף אונזער הויף אין אַ װינקעל הינטער אַ שטאַל, און האָב זיך אָנגעשפּאַרט מיט'ן קאָפּ אָן װאַנד. איך האָב געמײנט אַז דער מוח איז מיר אַ צושפּאָלטענער. אָבער צום גליק איז קײן בלוט ניט געװען. אַזױ בין איך געשטאַנען אַ לענגערע צײַט ביז מיר איז אָבגעגאַנגען אַביסעל דער װעהטאָג און איך בין געװאָרען רוהיגער. דאַן האָב איך גענומען דעם ציגעל אין האַנד, בעטראַכט אידם, און בעקלערט, װאָס דאָ איז געשעהן. בײַ מיר איז געבליבען אַז איך בין אַלײן שולדיג... — „ער האָט דאָך מיך ניט געטשעפּעט", האָב איך געטראַכט. דאָך האָב איך אידם, דעם גימנאַזיסטיל, ניט געקענט פֿערצײַהען. „כ'אַלט ער מיר זאָגען מיט גוטען אַז איך טו אַ נאַרישקײַט, אָדער כ'אַלט ער אַפֿילו אָנגעשלאָגען מיר", האָב איך זיך אָנגענומען פֿאַר מיר אַלײן, אָבער מיט אַזאַ שװערען ציגעל געבען אין מוח — דאָס טוט דאָך עפּעס אַ מענש אָהן אַ אידישע האַרץ...

איך ברײנג דיזע פֿאַקטען װײַל זײ האָבען, לױט איך געדענק, אַ שטאַרקען רושם געמאַכט אויף מײַן קינדערישען געדאַנקען. זײ האָבען מיר געמאַכט פֿיעל צו דענקען אַפֿילו שפּעטער װען עס האָט

זיך שוין ניט געהאַנדעלט אום אַזעלכע קליינינקייטען ווי פערגינגענען א מנחה, קאַמען זיך אום שבת, אונטער-שניידען די פאה אביסעל לייננער פאַר'ן אויער-קנעפּיל און דאָס גלייכען; ווען דער פונדאַמענט אַליין האָט זיך אָנגעהויבען טרייסלען און די גאַנצע געביידע וואָס דור דורות פון די אבות אבותינו האָבען געבויט איז געוועזען אין געפאַהר....